STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03148

OYF ZUNZINK-SHLYAKH

Hersh Leib Young

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערש לייב יונג

אויף צונצינק־שליאַק

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשל״ו — 1976

HERSH LEIB YOUNG

OIF ZUNZINK-SHLACH

J. L. Peretz Publishing House

31, Allenby Str., Tel Aviv, Israel

©

Copyright by H. Young
2990 Brighton, 12 Str. Brooklyn, N. Y. U.S.A.

Printed in Israel 1976

נדפס בישראל תשל"ו

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

ה ע ר ש ל י י ב י ו נ ג

אויטאָפּאָרטרעט, געמאָלן פונעם מחבר אין יאָר 1951

אינהאַלט

אין מיטנאַכט־שעה 9
פּאָעטן 11
צום געבערג אַוועק 14
מיינע חיות־חלומות 17
נשמה־פלאַטער 20
מיין צאָרן־ברען 23
מיט פיינלעכער זאָרג . . . 26
שטעטל מיינס 29
ערד 34
אַ בעסער מזל געפינען . . 37
די וואָרעניש 41
נאָר נשמה־אימה 45
בין השמשות 47
אוניווערסאַלער באַנעם . . . 50
הוראַגאַן־ארורה 53
ס׳הויערט אין מיר 55
בעתן אויפטראָג פון טאָג . . 58
ווער איז ער 62
מורנאָ לי 65
אַלט געוואָרן 68
אַ שטראַל אַריינגעפינקלט . . 73
שושנה 75
ווינטן וואָס שטורעם פאַרזייען 78
שערי שמים פתח 81
אַטעמט אַרויס 83
געגאַנגען בטחון זוכן . . . 88
נישט פון זונשטראַלן . . . 91
עד מתי ? 93
שפּעט ביי נאַכט 98
חוב באַצאָלן 101
זמרים 102
אין פאַרכליפּעט האַרץ . . . 104
טראָג זיך, פּאָעט 106
צו ישו הנוצרי 109
צעפלאַקער זיך, מיין לשון . 111
מיט אַמבראָזיאַ זיך פאַרשיכורן 116
שמע־געשריי 117
אַזוי לאַנג איך לעב 119
ווילסט וויסן 122
לאָמיר שוועבן 125
אָרעם־אויסשטרעק 127
עבר זמן 130
אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט . . 133
ס׳זידט מיין בלוט 135
לאַשטשע מיך, לינד לופטל . 137
שטעטל זינדיקס 139
דער זקן־מקובל 141
חכמים נבונים 143
איך, זייגערמאַכער 145
מאַריושקאַ 147
פון וואַנען קומט דער רוף ? . 149
מעשי בראשית 151
געזען זונשיין אויפגיין . . . 153
מים־חיים 155
אַ בעסקידן־מעשה 157
אין ימס רוישעריי 159
ישראל־לאַנד 161
פון שלאָס־אַרויס 163
עצבות־ליד 166
מוחל 168
בין־השמשות־תפילה 170
חז״ל־קבלה 172
פאַרטיפאַס שחרית־געבעט . . 174
פאַנדוראַ זאָגט 177
פלאַג־אַנזאָג 179
יוילקע פעסימיסט 181
געטראָס ליידן 183
אין בלינדער נאַכט 185
בין־השמשות־בילדלעך . . . 188
זונפאַרגאַנג 191
מיינע זמירות 193
מיין פאַרטונקלט ליד 195
איך, עפר ואפר 197
ווען כ׳פאַרמאָג געטלעכע גאָב 199
צו דיר 201
פון טויטשרעק אַוועק 203
פאַטאַ־מאַרגאַנאַ 205
געהייליקט ליד 207

תרעומות פון חינוך 209
חלומות 211
נישט שפּעט 213
פּאָרטיפאַ טראַכט 215
ווער איז זי ? 217
מדבר־בילד 219
אין לייד אויפגעבראַכט . . . 221
דמדומים־צייט 223
הבל־הבלים־חלומות 224
קאַיאַר־אויפריר 226
שופר בלאָזן 228
מיין שטיף־שטעטל אַ קללה . 230
כ׳שפּאַן ביי נאַכט 232
חמץ פאַרברענט 234
טעג לאַנג אַוועק 235
נישט דורך שוואַרצע ברילן . 237
סוף־טעג אַפּכאַפּן 239

די לידער פון דעם בוך זענען גע־
שריבן געוואָרן אין די יאָרן 1967—1974
און זיי זענען אויסגעבעסערט געוואָרן
פאַרן דרוק.

חנה יונג

פאָרטרעט, געמאָלן פונעם מחבר

מיט ליבשאַפֿט

ח נ ה ן

עטלעכע אומבאַשטימטע לידער פון
דעם בוך זענען האַרציק צוגעטיילט
צו מיין שוועסטערס טאָכטער
שרה פאכטמאן נ״י
איך ווינטש איר אריכת ימים.
דער מחבר

אין מיטנאַכט־שעה

דיר טוט דוכטן:
נאָך מיטנאַכט־שעה
וואַרקען בשעת חשכה
אונטער דיין סטריכע
נאָוויטנע טויבן,
רויבן די רו.
ביים אויפוואַכן דערהערסטו דעם שכן,
מיט יגון־ניגון חצות אָפּריכטן;
דעם זייגערס כריפּנע שלאָגן.
מיט האַרץ פאַרקלעמט,
פון געלעגער אויפגעטראָגן,
איילסטו צום ברויזנדיק־ימיקן רוישן,
פון הויז אַרויס.
זעסט שטערן־געפינקל
פליִענדיק אַראָפּפאַלן,
אין געטונקל זיך לעשן.

לבנה פאַראָבלט
וואַרפט שיין אויף אַ זעגלשיפל,
אין געוואָגל מיט סכנה־קולות,
אויף צעשטורעמטע פאַליעס,
פאַרן אונטערגיין.

דיין אויג צו סיעתה דשמיא,
מיט צער און טרער פאַרלאָפן,
טוסט דעם שם־הויה רופן.

שטייסט לאַנג מיט מחשבות צעטראָגן
פּאַר דיין ראיה
שאַרִיעט־אויף מזרח־זדראָך פון ערפל,
אַ בלענדיק אויפטאָגן —
זונס פלאַמען
אין רקיע זיך צעשווימען.

דו אָדם שפל, יראה שמים,
הענט ברייט צעשפּרייט,
צום אל כל החיים,
בשלימות, התלהבותדיק
האָסטו דיינע אָן אייגענע,
השתפכות הנפשדיקע תהילה,
שחריתדיק אַרויסגעדאַוונט.

פּאָעטן

פּאָעטן
אין חלום,
באַגלייט פון פלייט און טראָמפּייט,
אין גאַלאָפּ אויפן פּעגאַז
צום פּאַרנאַס —
ווילן, מ׳זאָל זייערע חרוזים,
איבערן כל עולם צעטרילן.

מ׳דאַרף מוח שאַרפן, שטערן קנייטשן,
רמזים אין פערזן צעוואַרפן,
מאת די משוררים מיט טיטלען, אויספּשטלען, פּאַרטייטשן.

פון מיינע שירים —
ווי ראָבן וואָלטן שנאָבלען
אין די דבורים
בתוך נפש איינגעגראָבן.

די יאָרן, אין חשכה פאַרעקט,
האָבן אין זכרון
סדומיקע רציחה נישט אויסגעמעקט.

כ׳שטיי פאַרביטערט
פאַר די האַרץ-פאַרטאָטערטע
פּיוט-ריכטער,
מיט כתב אין האַנט געשטרעקטע,
דם-באַפלעקטע אומגליקן.

מ׳פאַרמיידט אין זיי אַריינצוקוקן,
ס׳קען געזונט פאַרשאַטן.
איז באַשערט פון מיין ליד,
זאָלן ראָבן גאַליקן פאַראיבל,
האָבן צעדלובעט, אַרויסגעדזשובעט.

מאת אותיות צעטרייבערטע,
כ׳האָב וואָרט צו וואָרט געפּאָרט,
אין שורות צעשויבערטע,
ווילד אָנגעוואָרפן,
נישט אויף האַרפן
זעלישע געפילן,
סאָנעטיש, ריטמיש
איבערצושפילן.

פון מיינע שירים
די דבורים,
זענען אַ יאָמער־געשריי,
וויווינט־געוואַי,
אויפברויזנדיק
צעפלאַמטן ים,
זיך טרענקענדיק אין אים.

מיין ליד איז צעזידט,
מיט הידראַ־גיפט,
חמה אין נשמה איינגעטיפט.

ניִשט טויבן אין בוזעם
איבער מאַרקן
די קלאָגעניִשן צעוואָרקען.
ראָבן דזשובען אַרוים פון די חרובֿים,
ווי מיט גריל־קראַקערייַ,
יסורימדיקע טאָרטוריע.

צום געבערג אַוועק

חנה מיינע —
לאָמיר ביידע , שלאָפלאָז מידע
פאַרן קאַיאַר-אויפגלי,
מיט נערוועיִשן איבערלאָד,
אַרויס פון רוישיקן שטאָטגעמאַרק,
צו בלאָ געבערג, זומערדיקן צעבלי —
אין שטראַל-באַזוניקטן וואַסערפאַל,
אימות, חלומות,
עגמתדיקע אָבלען,
מאת די נשמות אַרויסטובלען,
ליכט און פרייד אָנשעפּן,
זען פון גרוי, צעהעלטן פעלד
אַ פויגל זיך באָדן אין בליסקענדיק טוי,
טרינקען די בריליאַנט-טראָפּן,
אָנשיכורן מיט בלומענדיקן ריח,
פליגל צעפּאָכען צו הימלישער הייך,
פאַרשווונדן אין געפלאַטער,
צווישן בוימבלעטער.

ס'איז גוט צו זיין פון נאַכטשרעק
און כרך-געזשום אַוועק,
איינאָטעמען חיות הבריות,
באַזעלן מיטן רוח אלוהים,
מעדיטירן —
וועלן טבע-סוד דעשיפרירן.
אַריינפאַנטאַזירן במחשבה,

אין די מעשׂי־המרכבה.
פֿאַרפֿליִען
צום ענד פֿון תבֿל־האָריזאָנט,
ווו זונען צאַנקען, זינקען,
מיט אומקומפּלאָם
אַריבערן קאָסמאָס־תהום,
אויפֿצוגליִען
אין חשכה־זאַווערוכע
פֿון דער ערבֿה,
אויפֿטאָג איינצושטראַלן,
צייט־לויף לייטערן,
שטח פֿון אין־סוף
לבֿטח צעברייטערן.

ס'איז כּדאַי,
פֿאַר זונאויפֿגאַנג,
פֿליִענדיק פֿריי,
פֿון ניו־יאָרק־מאַרק,
מיט רעש און רויש,
ליסק און געבראַזג,
אַלאַרם און געקלאַנג,
ווייט צום ברעג
— וועלטעק אַוועק
אין יענער זייט
פֿינצטערן אויסשפּרייט,
— ווו נייע פֿריִען אויפֿבליִען
אין אַן אַסטראַל פֿון אייביק לעבן
זיך אַריינהיימען.

בכל עולם אַרומשוועבן,
מוח שלייפן,
וועלן גאָט־סוד באַגרייפן
איינזעלן דין די נצח־ימים
פון בורא כל עולמים.

ס'איז גוט
פון שטאָט־שוידער, מהומה, גערודער,
נאַכט, חלומות מיט שרעק,
אין די מרומות זיין אַוועק.
ווייט פון יגון ואנחה,
ערגעץ מנוחה געפונען —
חנה מיינע.

מיינע חיות־חלומות

מיינע חיות־חלומות,
רעיונות, דמיונות,
מוחדיק געשפּונען,
ווי רויכעס אין די מרומות צערינען.

נשמה־פלאַם, אימה צעפלאַקערט,
מיט צעשוימטן איבערפלוס,
פון טייוול־כּוס אָנגעשיכורט.

חבל־שוידער־קול
איז אַ הבל־ווידערשאַל,
אין וויסטע פוסטעניש פון מדבר־דור.

כ׳שטיי אומפרום
ביים תהום־ראַנד,
פאַנטאַזיר:
אוים עזאָזל־ווולקאַנישער טיף,
האָט מיין שלימזל,
סאַטאַניש אָנגעצייכנט,
אין אַ וואָלקן־היראָגליף,
אַרויף געררייכנט
בעת צעוואַכטן חלום בייזן,
מיט פיינלעכע ליידן,
עולם התחתון דורכצושפּרייזן,
זוכן און נישט דערגרייכן אור השכינה
פון הימלישן גן־עדן.

כ׳בין בחינה אַ קאַניץ־שײַן
פון אַ טשאַדענדיקן קנויט,
אָנגעזויפּט מיט סרחונדיקן נאַפט,
פאַרעיפּושנדיק די לופט —
קעגן די אוניווערסאַלע שרפענדיקע זונען,
וואָס קאָסמישע זריחה צעשפּינען.

שפל,
צרותדיק פאַרצוגט,
איז מיר באַשערט
מיטן לעבנספּלעמל
אויף בלאָנדזשענדיקע אָפּל־וועגן
פון תוהו ובוהו זיך אַרומצושלייכן.

כ׳בין געגליכן:
ווי נאָך אַ רעגן
פון דרימל צעוועקט עפעמירל־אינזעקט,
פּוזשענדיק אויף ערד, גריזשענדיק כריין־בלעטער, גילדקרויט,
פאַרפּירפּירנדיק ביטער גורל פאַרן טויט;

שוה, צו אַ זשומיקער פליג,
בעתן אַרומשוועב הין און קריק,
פאַרפּלאָנטערנדיק זיך אין שפּינגעוועב;

— דומה צו דער זמזום־בין,
מיטן זשוזשען און בוזען אַרום אַ בלום,
אויפגעציטערט צעפּלאַטערט,
פון איר בלענדיק ווינקען —
מיטן גיפטיקן נעקטאַר זיך אָנצוטרינקען.

ווי אַ חיה־רעה ווילד,
אין אַ שטייג פֿאַרשפּאַרט,
ברום־צעברילט,
נישט פֿאַרשווייג די יסורים —
פֿון נפֿש־פּלאָם אַרויסגעצערט.

זײַ מוחל, כּבֿיכול,
מײַנע רעיונות
עוונות און דמיון־טענות.

ווי נעכטן, פֿינצטערדיק פֿאַרשוווּנדן,
איז אויך הײַנט נישט זוניק צעלאָכטן;
די וווּנדן צעיאַטערט,
ערגערנדיק אויסגעמאַטערט.

אָדם־תּרעומות
אין געטלעכע אויערן גרילצן:
ס'איז אויף ווּיסטער אדמה
מיט מהומות, מלחמות
נשמה־גאַליק אָנגעזאַלצן.
כ'צאַפּל זיך,
זינדיק פֿלאַפּל
אין פֿינצטערן טאָל,
פֿאַרן פֿאַרפֿאַל
בתוכן שחת
מיט צעפֿלאַקערטע זאַווערוכעס.

נשמה־פלאַטער

נשמה־פלאַטער, רוחני־ציטער,
גייט אויף אין מיר
פרי און פאַר נאַכט,
בעת זונם עליה און שקיעה,
אין הימל צעבלענדטן,
אַ תפילה
אויסדאַווענען,
צו אלוהי שדי,
מיטן רוח־חי צעאָטעמט איבער דער וועלט.

ר׳שאַפט יאָג־און טראָג־קראַפט
מאת פייערדיקע קאָמעטן,
פון לבנות, פלאַקערדיק־רויטע און טויטע,
אין געלויף אַרום פלאַנעטן,
אָרביטענדיק אין רוים.

ס׳רייסט זיך אַרוים אַ הלל,
פאַר די פלאי פלאים,
פון מעשה המרכבה אין חלל —
אַן אָנגעזאַמל אין הימל
פון ביליאָנען אַסטראָנען,
וואָס צעפינקלען אַ זריחה
דרינגען אַריין בתוך חשכה,
אין אייביק נאַכט נישט איינצוטונקען.

וואָס איז אין מיר גורם,
שירים אויסצוזינגען,

צום סעלעסטיאַלן צעשיין?
אין אייביק נאַכט נישט איינצוטונקען.
וועלן כל עולם־חלום
מיסטיש רעטעניש משיג זיין?

נישט תמיד קאָן קלעזמער
אויף פידל־סטרונעס, טאָניש אָנגעצויגן,
זעל־געפילן אַרויסשפּילן —
זיי בלייבן אין נפש איינגעבענקט.
אויך ביי מיר אַ גלי־הרגשה צאַנקט,
פון נשמה־טיפעניש נישט אַרויסגעברענגט.

פאַראַנען כוכבים, סאַטעליטן
אין רקיעדיקע וויטן
לעולם ועד צעשוועבט,
עאָניש אָפּגעלעבט,
מאת צייטיקן זשאַווער,
ווערן פון דיסטאַנצנדיקע פייערן באַלאָכטן,
אין עולם התחתון פאַר שטערן
צו באַטראַכטן —
זענען פּעטראָפירטע איינגעפּרירטע,
מצבות אין די וויסטע ערבות
פון שרפה־תקופה —
אַ דברי הימים
פאַרן בורא כל עולמים,
אין צעשטורעמטע זמנים אויסגעשליפן —
ווען אין פלאַמען אויפגעקומען,
וויפל מילעניומס דורכגעלאָפן,
ביז ס׳פלאַקערדיקע רוישן,

האַט זיך אויסגעלאָשן,
צו חושכן ווי מאָרס אין אוניוועדס.

די זונען, וואָס ברענען אין הימלישע פלייַנען,
כמאָרעם צעשייַנען,
אַ שטראַלנדיקע פראַכט פון קאָסמישן ליכט.
קרעאַטורן מיט פּילפּלאַמיקע קאָלירן
וואָגלען אין ווילדן מהומה-געיעג,
שפּיגלען אָפּ אימה, פון ששת בראשית-טעג,
קאָלאָסאַל-סעלעסטיאַלע מראהס.

וויפל פּאַר מיר אור-אָבות,
פאַרן נצחדיק שממה-שלאָפן,
האָבן ביים לעבן אין זיך געהיימע מחשבות אַרויסגערופן,
מיט אַ פרום נוראדיקן פּחד,
געפּרעפלט צו אַדוישעם אחד?

איז ווונדער וואָס איך, אָפּשטאַם פון קינדס קינדער,
שטיי מיט האַרצפּלאַם,
פאָטער און מוטער-ירושה,
אין שפּעטן אָוונט,
פלאַטערנדיק פאַרטראַכט
קעגן הימלישן ליכט,
מורמל אַ שטילע נעילה-תפילה,
בקדושה אַרויסגעדאַווגט?

מיין צאָרן־ברען

מיין צאָרן־ברען
צו די בליעל־קנעכט,
סאָוועט־האַרן,
האָבנדיק ביים פּראָלעטאַר,
סאָציאַלן חלום מטמא געווען,
שלום פאַרשוועכט:
אין מחשבה ערבה, בית־עולם באַגראָבן,
קיין תקומה נישט צו האָבן.

אונטער מאָסקאַל־הימלען
מיט פראָסטיקן גלימער
סערפּ־און־האַמער־פאָן, בלוטיק רויט,
איבערן קרעמל צעוויכערט,
פעכערט אָן טויטשרעק
אין פאַרכמורעטע טעג.

די קויטיקע פּאָליט־כתה
פון נבזהדיקן סאָרט,
נאַציסטיש געפּלעגט,
מיט אָן בושה מנוול־וואָרט,
קדשה־רייד, פאַרדאָרבן —
— וואָלטן געמעגט אָן שאַנד,
מיט סוואַסטיקע אָרעמבאַנד
און שאַרבן־סקעלעט זיך צירן,
פאַרן לענין־מאַוזאָליי
מיט טראָמפּייט־געגרילץ פּאַראַדירן.

כ׳ווער מיט נשמה־פלאַקער
פון די דברי־שקר אויפגעבראַכט,
מאת די מחבל־כאַמולעס,
פרעפּלענדיק פריד־ליגן.
בלבול,
מלחמה־נבלות.

איך, בעל דבר,
בשעת שקיעהדיקן פאַרנאַכט,
מעדיטיר
ביים אידעאַל־קבר,
ברוטאַל אין מחשבה,
פאַרעברט, איינגעזשאַווערט.

כ׳טראַכט:
אין עתיד לבוא־צייטן,
פון אַ מער מזלדיקן דור,
וועט די השגחה דאַרפן מיט עפּעס בעסערס,
ווי פאַשיסטישן ווילקיר,
אויפקומענדיקן קאָיאָר
אין האָריזאָנט
שלום שלווהדיק פאַרבייטן;
אַ זריחהדיק אויפגעוואַכטן,
חסד צעלאָכטן,
יושרדיק פאַרזייען.
ס׳חיות דערפרייען.
מענטשלעכע וווין־פליינען
מיט מזל־ברכה
נחת־רוחדיק

באַשיינען.
מיין נשמה־צעפּלאָמטער עברי־ברען
דער נידערטרעכט־פאַרדאַמטער
סדום־חברה.

יאַנואַר 1969

מיט פײַנלעכער זאָרג

גײ אַוועק אין פרי־צײַט,
מיט פײַנלעכער זאָרג,
פון מעטראָפּאָל־טומל,
צו געבערג און טאָל;
שרײַ־אויס מיט פּלאַטערניש
אין אײַנגעדרעמלטער שטילקײט
אָנגעזאַמלטע גאַל־ביטערניש
קעגן צעוואַלגערטן הימל.
האָרך!
בת־קול־אָפּשלאָג,
פון רחבה אַ תשובה —
פילסט, ביסט נישט אַלײן
בײַם זוניקן אויפשײַן.
פאַרנעם פאַרענדערטן ווידערשאַל,
פון פעלדז און וואַלד
מאַת דײַן עגמתדיקן אַרויפּרוף.

אין יאַריד־שטאָט פון שטאָל און שטײן,
מיט רעש, רויש, געבראַזג און ליסק,
איז מען טויב, שטום
צום געוואַלדיקן געוויין.
אַ ברודער אַפילו, פון געליש געשטערט,
דערהערט נישט געפאַר־סיגנאַל
אויף צעשטורעמטן ים
פון לײַב־אײגענעם בײַם רודער
מאַת אַ זינקענדיקער שיף.

די שמיעה פון אַ מעטראָפּאָליטאַן
איז אַטראָפירט
צו אינערלעך צאַרט־דינער
נשמה־סטרונע צעוויברירט
מיט שטילן טאָן —
בעת מאַשינענדיק קלאַפּן
נפש־געפילן אויפכאַפּן.

פאַר וואָס, סענסיטיווער נאַר,
דאַרף מען דיך הויכדיק ראַנגען,
אויף גלעקער צעקלינגען,
אין בלעטער באַשרייבן?
מיט אַ קרוין באַצירן,
איבער געמאַרק און סקווערן
אונטער אַ גאָלד־גרין באַלדאַכין זעצן,
מיט טאַצן און פויקן אַרומפירן?
מאת ווּעמען פאַרלאַנגסטו דאָס?
פון בידנע בעטלער מיט פאַרדרוס,
וואָס בענקען און צאַנקען,
מ׳זאָל זיך דאָ און דאָרט
מיט אַ נדבה־וואָרט דערבאַרעמען,
זייער זעל צו דערוואַרעמען.

וואָלסט געוואָלט, מ׳זאָל מיט שטורעם
אויף פייער אַלאַרם־וואָגן אומגעשטערט
זיך מיט דיר אַרומיאָגן,
פאַראַדירן אין די אַלייען,
מיט טראָמפּייט דיין גרויסקייט,
פּראָקלאַמירן.

גיי אַוועק, הערש לייב, פון גיהנומדיקן פּאַרטייב,
מאַרק־געטומל, אין ווייט־געבערג,
אונטערן פרייעם הימל ריטשע אויס אַ ווייַ געשריי,
זעליש פּלאַטערניש,
ווי אַ שאַקאַל־געוואָי,
הער דעם ווידערקול פון פעלדזיקן שטיין,
אַ משונהדיקער שאַל, אָפּהילך פון וואַלד און טאָל,
אַ נשמה־עכאָ צו וועלט,
ווילד פאַרגרייזט —
מאַת אַ טיף פּרימיטיוו געוויין,
וואָס טוסט אין זיך טראָגן,
אויסגעלייזט.

זע, שפּיץ־ביימער זיך צעגליִען,
בעת ס׳אויפשאַריִען פון דער זון —
מאַרגנבלענד
אַרייַנצוטאָגן
אין דיין ווונד.

שטעטל מיינס

אין די הרי־חושך פֿאַרוואָרפֿן אָרט,
שטעטל מיינס —
דער, וואָס איז ביים געבורט
קייכנדיק פֿאַרצאַפּלט
געוואָרן צו דיר ווי צוגענאָפּלט.
מיט די זאַווערוכעס, בייזע רוחות,
אין דיין שוים זיך אויסגעוויגט;
בתוך געוויטער צערעוועט אויפֿגעכאָוועט;
געבאָדן זומער אין טייך;
ווינטערדיקן קאַטאַר,
קרענקלעך בלייך,
פֿון ברוסט אַרויסגעהוסט;
צום פּאַסנע ביסן ברויט מיט זאַלץ געוואַשן —
ביי דעם איז פֿון צער און נויט צעפֿרעסן
צאַנקענדיקער נשמה־קנויט
נישט אויסגעלאָשן.
אין מאַמעס בלוט, וואָס פֿליסט בתוך מיר,
אומפֿאַרוואַסערט —
ס'נישט שווייגן פֿון דער פֿרומער אשה,
פֿאַר די צרות, לייד, אָנגעקליבן,
האָבנדיק מיט קלאָגרייד
גאָט געמוסרט —
איז פֿון זייגן נאָך
אַ יסורימדיקע ירושה
מיר געבליבן.

מיין רוחני־ראיה,
געלויטערט אין זון־שקיעה,
בתוך די שנייִיקע הייכן,
פון דער אַפּלויף־צייט,
אין ניו־יאָרק־כּרך,
צעעיפּושט איינגענעפּלט מיט גאַזן און רויכן —
איז נישט געבלינדט
צו זען פון ווייט
וואָלקנרויט,
חרוב לעבן, אין זיבן טויטן איינגעוויסט,
פאַר מיר דורכצושוועבן.

דיינם אַ מעת־לעת —
טראָגט זיך דורך צעפּיבערטן מאַרך,
אַ בלוטיק־ברענענדיקער טאָג־אויפשלאָג,
נאַכט אין אַן אינפערנאָ־פינצטערניש איינגעריכט.
ס׳גייט אויף די זון קאַיאָר,
איינגעדמט, צעפלאַמט אין הימל,
ווארפט אַ פּאַספּאָרדיקן שימלשיין
אין יאָמערטאָל,
צעבלענדט ווינד־ווייענדיקן לאַמענט,
איינגעטיפט, מיט אַ היראָגליפן־שריפט,
אין ווייסן באַרג נצחדיקער מצבה־שטיין;
צעבלוטיקט קופּעררויט דעם אָפּער־טייך.
באַשטראַלט בית־עולם־ערד,
קברים אין שאָטנס איינגעקויטיקט.

ס׳שפּראָצן אַרויס געדיכט פון איר טראַכט:
פלאַקסנבערד,

קראָפּעווע צעבריט, פּעפּערבלאַט,
סמ׳יקער צוויט,
משונה־וואַזאָנע בלומען, פּונגוס־שוואָמען,
הירפּקע קריפּ, מאָנקעפּ רויטע,
טערפּקע שויט, ביטערקרויט,
פון טויטע אַרויסגעוואַקסן.

ווינטלדיקער צעיאָג
פון עיפּושדיקן געדוך
איז אַ פלוך צום אַוועקשווינדלדיקן טאָג.

נאַכט:
ס׳הילט זיך אַרוים פון וואָלקנטיכער,
אַ פולע לבנה, וואַנדלט אַ שטילע
איבער מפּולת־שטיבער,
שײַנט אַרײַן אין די פענצטערלעכער
אויף פּוסטע ביידעם פון שיל און קלויז,
ווי שדים,
מיט ברענענדיקע הערנער,
גיהנומדיק צעלאָכטן,
טוען יאָרצייטן אָפּריכטן,
צעפּייפן די קוימענס פון פאַרשרפעטע היימען.

אַ בעל־שגעון, לעבן געבליבן,
לויפט אַרום אָן אַ היטל אין די גאַסן.
קיטל צעריסן,
מוח אין שאַרבן צעברענט —
איז לבנה מחדש,
שפּרינגט קדוש,

פליעסקעט משוגע די הענט.
לייענט ביי דער לונאַטיקערן צעשיינט
פון שטעטל — ס׳הריגה־צעטל.

מיין געהאָרך, ווי ווינטן־שאָרך
אויסגעשאַרפט
איז נישט פאַרטעמפּט אָפּגעטויבט,
פון געבראַזג, רויש און שאַל,
אין מעטראָפּאָל אַוועקגערויבט.

כ׳וואָלט באַדאַרפט פון שטיין זיין,
זעל פאַרסמען מיט טויטלעכן געפּריר,
נישט צו פאַרנעמען וויסטן געוויין,
ווי פון לוויהס,
ווען ס׳גייות איז אין קאָשמאַר איינגעשלאָפן.

אַ יובל פאַרגאַנגענע יאָרן
ווערט נישט אין זכרון
טינטיק פאַרקלעקט,
מיט אימה־ראַדיר
פון נשמה אַרויסגעמעקט.

ווי לאַנג מיר לעבן איז באַשערט,
טראָגן דעם צער
טיף באַגראָבן,
באַזיפצן דיין פינצטערע דאָליע —
צו וויסטע קעלטן
פון שטן פאַרשאָלטן,
קאַרפּאַטן־שטעטל סקאָליע,
מקום וויסטער.

פאַרן כל הקהל פאַרלענדט,
קין־שאַנד צו פאַרגעסן —
האָבן די צלם־טייוואָלים
מיט רציחה צעפּלאַמטן,
איינגעדמטן געוויסן,
דור־דורותדיק קיום־בלעטל
פון חיות־רייסטער אויסגעריסן,
אין קרעמאַטאָריעס פאַרברענט.

ערד

ערד —
מוטערלעכער ווונדער!
בתוך תהום פון קאָסמישן רוים,
קעגן געדיכט צעפינקלטן אַסטראַל-ליכט,
אין אָרביט-געוואַנדער.

זוניש צעוואַרעמט,
מיט מינעראַלן, כעמיקאַלן, מעטאַלן איינגעדערעמט.

זאַט מיט פּרו ורבו-געבאַט:
צעפליגלט אומפלייט,
שקצים, שרצים, פּראים, ברואים,
צעווידמעט און געמערט.

גענערט פון טוי און רעגן-שלאַקסן,
באַוואַקסן מיט בלומען, שוואָמען, גרין-גראָזן,
פרוכטביימער, דערנער,
תבואה-קערנער
און כל טוב,
ערב רב צו באַשפּייזן.

פּלאַנעט מיט לבנה-סאַטעליט,
גורמדיק אויסגוס און אָפּפלוס
מאַת בוכן, טייכן, לאַגונען, אָקעאַנען,
אויפגעציטערט

פון ווּלקאַן־אויסברוכן
מיט גאַז־געַרוכן,
פאַרוויטערט
מאַת טאָרנאַדאָס, אורוגאַנס, טייפונס,
אַרקטישע שטורעמס,
ציקלאָן־רוחות,
שניי־זאַווערוכעס.

דורכגעווערעמט פאַרגיפּטיקט,
מיט הריגה־בלוט באַזאַפּטיקט,
וויסטער איינגעריסטער אדמה־עגול,
אין געוואָגל
מיט אַקוואַ מקווה־טיפענישן,
פלאַנקטאָן באַשעפענישן —
אוניווערסאַל ווּנדער!
ווען נישט גאָטס שטראָף,
די דעמאָן־קינדער,
המון רב, רוצחיש פאַרווילקירט,
צעפעלקערט אין לענדער,
שכל אין שאַרבן,
נחשדיק פאַרדאָרבן,
סמ׳יק אָנגעשיכורט,
טייוולאָניש פאַרשאָלטן —
וואָלט אַ גיהנום אין דיר נישט צעפלאַקערט.

שטנס רשעות־אָנריידן,
איז אין בן־אָדם פאַרבליבן
בעת פון גן־עדן פאַרטריבן.

במקום כ׳זאָל זיצן פרום
בכל יום
אין שאָטן פון אַ פייגנבוים,
בשלום ושלוה,
אין תענוגי עולם איינגערוט ;
הויזן צווישן בלומען און רויזן,
מיט זוניקע פאַרבן,
אין קרישטאָלענע פּאַלאַצן ;
פון האַרץ גרינגען,
שירים זינגען,
צום משיח־אָנקום,
צום אייביק לעבן —

דאַרפן מיט יסורים ערגעץ פאַרוואָרפן,
רוחניותדיק שוועבן
אַרום מלחמה־קברים
אַן אימה־קרבן ;
אין חשכה־נויט איינגעגרויט,
אַן עגמתדיקער גרייז,
מינוטנווייז אָפּשטאַרבן.

אַ בעסער מזל געפינען

מיט אימה־צעוועק,
פון כימערע־חלומות,
בין איך פון הויז־פינצטערניש אַרויס,
אויף פרי־שטראַלנדיקן שטעג,
צו ווייטע מקומות,
אַ בעסער מזל געפינען.

די לעצטע פּאָר יאָר,
מיר צום לעבן געבליבן,
כ׳ווער נפשדיק געטריבן
איבער פעלדזן־ברוך, אָפּל־גריבער —
צום זריחה־שליאַך,
אימאַזש־ימען אַריבערשווימען.

אויפן זוניקן האָריזאָנט־בלענד,
פאַר די אויגן איינגעזשמורעטע,
האָבן נעפּלען אָנגעכמורעטע,
מיט שטורעם־כוחות פאַרשלאָגן,
ווי פינצטערע רוחות זיך אָנגעטראָגן,
פאַרטונקלט דעם וועג.

כ׳בין ארויס כאור
דורכן הינטערטירל
פון הויז
אַ גליקלעך גורל אָפּזוכן —
און צו טייוול־ממשלה פאַרקראָכן:

— שפּאַן אומענדלעך,
אין אומקום־ערפל
פון וויסטעניש אַרום,
צווישן שטנס שטאַפּעטן,
שדים־געשטאַלטן,
וואַגלענדיק צו די קברים
פון שרעקטעג אַוועק.

באַרג־אַראָפּ
די קנאַפּ געציילטע יאָר,
כּף הקלע־פּרוזדור,
דורך גיהנום פון דר׳ערד
איז מיר דורכגיין באַשערט.

כ׳זאָל אַנטפּלעקן צו וועלט
מחשבה־בילד,
במקום מוח־פינקלעניש —
נעפּלדיקע טונקלעניש וואָלט מען געפונען.

אַלט, צעקנייטשט,
צער אין פּנים איינגעבייטשט,
מיט פאַרלאָפענע אויגן,
גוף געבויגן —
כ׳יאָג אַרום שחת־תהום
אומקום־ברעג,
ביים סוף פון טעג פאַרוויסטע.

כ׳בין אַוועק פאַר טאָג
אויף זוניקן שליאַך,

צום גליִענדיקן האָריזאָנט,
האָט אַ נעפּל פֿאַרזשמורעט דעם וועג.

כ׳בלאָנקע,
מיט איינגעבלינדלטן טרוים,
צאַנק אין גאַנג
פֿון מחשבות קראַנקע
צום איינגעפֿינצטערטן תּהום.

אַרוים פֿון אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט,
איבער וואַלדיקן מאָך,
צום שיינשליאַך
פֿון קאַיאָריקן ליכט,
פֿאַר חדוהדיקער פֿרייד מיט געזאַנג,
הענט צעשפּרייט,
צום פֿלאַמיקן אויפֿגאַנג געדאַוונט —
האָט אַ כמאַרע פֿאַר מיינע אויגן,
איבערן הימל זיך פֿאַרצויגן,
מיך פֿאַרטראָגן
צו יענער זייט האָריזאָנט,
אָוונט־צייט:
— מיט אַ בלוטיקן סערפּ
אין פֿירמאַמענט.

כ׳בין מיט פֿיינלעכן צער פֿון הויז
קאַיאָר אַרויס,
אויף געהיימע נשמה־שטעגן
אַ בעסער מזל זוכן.

כימערעס שאָטנס שטומע
מיט פיסקעס קרומע
קומען מיר אַקעגן,

צום עזאָזל,
מאַת אַלדע רוחות פאַרקראָכן.
טייוול האָט מיך קריק געבראַכט,
אויפן חושך-שליאַך
פון ערפל-נאַכט —
געבונדן אין דעמאָנישע שטריק,
אימות וויסטע
איינגעמוחט אין זינען,
מעפיסטישע חלומות צו שפינען.

די וואָרעניש

ראָמולאָ, דער בעל מורד,
אין אַ זונזינקענדיקן פאַרנאַכט
פאַרצאָגט, געפּלאָגט פרעגט:
פאַר וואָס, אַדוישעם,
האָסטו מיך אַ שלאָפן בשר־ודם
פון אַ מוטערטראַכט אַרויסבאַשאַפן?
אַ שפּלדיקער יורד,
אין עולם התחתון, גלות אָפריכטן?
נישט ווי פאַרצייטן,
דער מהר״ל הקדוש ז״ל,
אַ גולם פון ליים אויסגעקנעטן,
(וואָס צו אים נעמט זיך נישט קיין קויל),
אַריינגעהויכט אַ חיות הבריות,
אין אַן עת צרה
מיט כפול שאַרפער האַק
שרעק און גרויל אָנוואַרפן
בתוך עלילת דם, פאָגראָם־באַנדע,
עם הצלב ערב־רב, אויף ערד אַרורה.

כ׳זע אין זון־שקיעה
גליענדיקע זריחה
קעגן קין־רציחה,
אַ התראה —
אַ וואָלקן־רייטער
אויף צעפּלאָשעט פערד
אַרויס פון אַ גיהנום־שייטער

מיט צעפּלאָמטער אויסגעשטרעקטער שווערד
ביים האָריזאָנט־ברעג,
פון אויסגעברענטע טעג.

פאַר וואָס, כביכול,
טיפן פּיין און צער
אין מיין שכל צעוואַכטן
איינגעשליפן,
פאַנטאַסטיש צו טראַכטן? —
געדאַרפט אַ דראַכן זיין,
אַ טאָרנאַד־מחבל,
בליצן אָנפּאַכען,
כמאַרעס צעזדראַכען,
דונערדיק אויפרייסן,
אַ מבול אַראָפּצוגיסן.

פאַר וואָס נישט אלוהים,
אַן אומקום־שרף
קעגן די שתי וערב פּראים,
אויף פאַרשאָלטענעם פּלאַנעט?

כ'בין אין דער מהומה
אויף אדמה
ראוי צו זען
זון־שקיעה־התראה.
געזאָלט מיך אַ דעמאָנישע מאַכט
פון וויסטעניש אַרויסרופן,
נישט צו דאַרפן שטומפּיקע ווערטער שאַרפן,
מיט פייערדיקער עברי

די האַליבורדע חברה שטראָפן —
אַ חלוש אָן כוחות,
צווישן שדים און רוחות,
אין בלוט-טייכן בראָדזען,
אַ יחיד מיט איינגעפּינצטערטן פּחד —
אַפילו מיין שאָטן טוט פון מיר ווייכן.

די התראה אין רקיע
איז אין מוח פון שאַרבן
איינגעפּילמט מיט פלאַם און רויך-פאַרבן,
בעת צעצינדענעם אָוונט אויף רוחני לייוונט
צוריקצומאָלן
צער-געפילן, ווונדיקע זאָרגן,
נשמה-יאָמער, עגמתדיק-פאַרבאָרגן.

ס׳דעמער-ליכט,
מיט רעגן-בויגן-גלימער,
אַ ווידער-געשטאַלט
פון מיין בילדלעך געדיכט
פאַר וועלטס אויגן אַפּהילן.

פאַר וואָס, באַשעפער,
פון עפר ואפר
אַ בייזן גולם,
מיט געטלעכער איבערמאַכט
און אומטויטלעכער גבורה,
צווישן סדום-עולם
אויף ערד-ארורה
נישט מיך אויפגעבראַכט?

כ׳שטיי אויפגעבראַכט,
מיט אויסגעדראָשן וואָרט,
קעגן הורט-מאָרד,
אין געדאַנקען פאַרזונקען;
זע מיט פייכטע אויגן, אָן לשון,
זון-שקיעה
אין רקיע זיך לעשן
בתוך צעצינדענעם פאַרנאַכט.
רייטער מיט פייערשווערד
אין אַ כמאַרע,
אַ התראה
איינצואימהן איז מיר באַשערט.

נאָר נשמה־אימה

(אַן ענטפער ראָמולאַן)

איצט,
אין געוואַלט־הפקר־וועלט,
מאַת ברענשטאָפן צעבליצט,
אַ כף־הקלע גערילאַ,
מיט פלאַקער־פלאַקן,
וועט די סדום־ברואים,
שיכור פון אַטאָם־וואָפן,
נישט איבערשרעקן.

מ׳וואָלט דאַרפן, זאָגן חכמים,
אַן איבערוועלטיקע גבורה
פון אל עולמים
אין די צעפייערטע צייטן,
אויף ערד ארורה
אַ חשכות אויסשפרייטן.

אַ התראה,
ווי רעגן־בויגן, פלאַמיק צעגליט,
קעגן די שלאַכטן,
קאָן אין די גיהנום־בנים
פאַרן פאַרגאָסן בלוט
מורא נישט אַריינפאַרכטן.

אַ לאַ תרצח וואָלקנבראָך,
פֿון רוגזהדיקן הימל,
מבולדיק ערד אָנצושווענקן,
וועט פֿון אָדם־שד
האַרמאַט־טשאַד און טומל
נישט איינשטילן.
אַ גולם פֿון תּחתּיות,
מיט קולות פֿון די תּהומען
איז נישט ביכולת,
דעמאָן־עולם איינצואימהן.
נאָר נשמה־אימה, להבֿה־אהבֿה,
פּחד־פּיין פֿון אל המיוחד,
קאָן דעם בראשית
קין־רשעות
פֿון אונטער דער זון מרחק זיין.

בין השמשות

(פראַגמענטן)

א

ערגעץ ווייט, מנחה־צייט,
אויף צלם־תליה,
גדרדיק פאַרצוימט,
איז פרידן־פרינץ
מיט דערנער־קראַנץ,
פון שקיעה צעפלאַמט,
אַ שאַנד־אָפּבלענץ
קעגן קברות־פעלד,
אין חושך איינגעהילט,
ווו יידן מ'האָט בתוך שייטערס פאַרברענט.

גלחים, אין שוואַרצע קאַפּאָטעס,
אויף די שטאַפּלען
פון תיפלה־הויז,
האָבנדיק מיט לאָפּעטעס,
אויף די חיות־גרוילן צעזשאַרט,
קוילן געשאַרט —
קניִען צום גלי‍ִענדיקן יויז,
פּרעפּלען שיר המעלות תפילות,
מכפּר צו זיין די זינד.

ב

ס'איז מאַרקס מאָנומענט
אין רויטן סקווער,
פון מיליטער באַוואַכט,
בשעת זונפאַרגאַנג מיט בזיון צעבלענדט.
דער גאון בחזיון,
האָט אַ מאַניפעסט פאַרטראַכט,
פאַר האָרוועדיקע מיט שוויס,
פון שקלאַפעריי
צו אַ פריי דערהויבן לעבן-אויסלייז
געוויזיעט —
אַ חלום פון ברידערלעכן שלום
שלווהדיקער רו.
איז נאָך יובל-יאָר אין אויפשטאַנד-לאַנד,
פון געטרוימטער ישועה קיין שפור נישטאָ.
דער בונטאַר, מיט כעס און פאַרדרוס,
וואָס צו הפשית גאַרט,
איז אין תפיסה אַ פאַרשיקטער,
אונטער שלאָס און ריגל געפלאָגטער,
ביז מיתה פאַרשפאַרט.

אין שמעלץ-טיגל
פון שטאָל הייסן
מלחמה-וואָפן אָן צאָל ווערט געשאַפן,
איבער גבולן צו פאַרשלייסן,
רעוואָלט-מהומה איינצושטילן.

ג

דער זקן פּאָעט,
מיט רעיונות־שרעקן,
פון לעבן מיד,
הערט אין הייזעריקן געזאַנג
פון זיין בין השמשות־ליד
פאַר אָוונט ליטורגיש געדאַוונט,
אַ ווידערקול־אָפּקלאַנג פון צער־שיר,
וועגן פאַרשוועבן דעם זמן לעבן
אים בידנע געשאָנקען.

ד

ס'זשומעט די בין אַ לאַמענט
אַקעגן שקיעהדיקן בלענד.
פלאַטערט צעציטערט
אַרום אַ דופטענדיקער בלום,
אָנגעשיכורט קראַנק פון נעקטאַר־געטראַנק,
פליגלט מיט קלאָג הין און קריק,
איינגעפלאָנטערט אין שפּין־פּאָוויאַטינע,
פון בוים צו בוים
ווי אַ רעגן־בויגן אָנגעצויגן,
פון זון צעפינקלט,
וואָס פאַלט צעשטראַלט
אַריין בתוך וואָלקן־נאַכט.

אוניווערסאַלער באַנעם

אוניווערסאַלער באַנעם,
קאָסמישער אראָפּשיין
בעתן נשמהדיקן אויספלאַם
פון הבל הבלים,
— חיות-חלום
איז פאַרן חושכדיקן פאַרפריר
מיט גיהנום-יסורים
און פיינלעכן צער,
עולם התחתון-פּרוזדור
דורכצוגיין.

מיינע מחשבות וועגן בורא
זענען פאַררויכעט,
אין מרה-שחורה
איינגעחשכהט.

פאַרלוירן בטחון ביים אַרומזוכן אים,
יענע וועלטן אַנגעווירן.

אוים די תרעומות מיט טרערן
פון פאַרמוטשעטן לעבן,
עוולות זיפציק אַרויסגעליפּט,
קען מען אַ קרוין
פאַרן כסא הכבוד נישט וועבן.
— ווערן אין וואָלקנס איינגעזאַפּט

שטורעמדיק אויסגעוואקסן,
צו ווּיסטעניִשן וואָגלען
שלאַקסן אַראָפּצוהאָגלען.

אַ מאָל חומשדיק געאַנט,
אַז דער באַשעפער איז נאָענט,
און אל רחום וחנון,
ווי פאַר די אָבות,
אין סיני־ערבות
מיט אים זיך אויסצוטענהן.

געמיינט, ערד איז די וועלט
גרונטגעפעסטיקט אוועקגעשטעלט,
טאָג און נאַכט
פון אַסטראַל־ליכט באַשיינט,
פאַר כל הברואים אַ קיום.
איך, זקן,
טו שטרעבן,
מיט פאַרטונקלטער ראיה
אין רקיע צו שוועבן,
בתוך די ספערן
פון די שטערן
געפינען אַ תיקון.

כ׳טראַכט:
צו וואָס מיך אויף דער וועלט געבראַכט
אין דער בלוטיקער תקופה
פון אַטאָמיש־דעמאָנישער שרפה?

גראָ, קראַנק, מיד,
לאַנג ס׳דם־התמצית אויסגעזידט,
שטיי איך פאַרן וויסטן תהום,
וואַרט אויף די ענד־טעג
ביים פינצטערן ברעג,
מיט פאַרלעגערטער צונג,
סבלנותדיק דערשלאָגן.
מלחמה אויף דר׳ערד
האָט נשמה־ברען אין מיר פאַרצערט.
וויים, דער בלוטיקער פלאַנעט
איז אַ קויטיקער פלעק,
אין אָרביט שווונג
מיט די בילי־ביליאָנען
אַסטראַלן,
פון קאָלאָסאַלן אוניווערס
אין נצחדיקן אַרומשווים.

כ׳זוך אלוהים
אין בלאָ־הימלישן ים,
בתוך דער טיף פון אין סוף,
ווו עאָנס אין די רוימען צערינען;
וויל אים געפונען,
קינה־לשון
ערגענישן, פלאָגן,
פאַרן אויסגעלאָשן ווערן,
האָבן צו וועמען אויסצוקלאָגן.

הוראַגאַן־ארורה

ביי נאַכט, שפּעט,
פון אַ געשפּענסטער־חלום פאַרפּלאָנטערט,
מיט האַרצשלאָג־שרעק דערוואַכט —
אַראָפּ פון בעט,
געכאַפּט אַ הילעם, שטעקשיך
און בין פון הויז אַרויס.

דער דרויסן פינצטער.
אַ וויכער געוויטער האָט געפליקט בוימבלעטער,
צווייגן געבראָכן, דעכער געריסן,
געטאָן טייפון צעפּייפן, אָקעאַן צערוישן,
אַ טומאַן אָנטראָגן —
הוראַגאַן־ארורה בעת ווילדיקן יאָגן,
דראָשענדיק מיט ווינטיקע פּאָלעם
און ציקלאָנישער גבורה
די צעשוימטע כוואַליעס, וואַסער־פּיוגעס,
צו פאַרפליסן די ברעגעס
געשטורעמט צעליאַרעמט.
מיט זאַמדיקן שטויב געבלינדלט מיין בליק,
אָנגעפּאַכעט אַ קעלט,
געטריבן אין שטוב צוריק.

ראַדיאָ האָט געלאָזט וויסן :
טייכן צעגאָסן וועלדער און פעלדער פאַרפלייצן.
מכשפהם בליצן צינדן שרפהס,
שוואה׳ן־אָן אַ תוהו ובוהו.

פון אוקינוס סכנות רופן:
שיפן זינקען,
מענטשן און פי זיך טרענקען,
געוויסערן פאַרשווענקען
פויערישע מי.
די סערה-ארורה חרובט, שרפט, פאַרלענדט,
לאָזט ערבות, חרבות איבערן לאַנד.

ס'הויערט אין מיר

ס'הויערט
טיף איינגעטרויערט
אין מיינע מענטאַל-תהומות.
חלומות, נישט פאַרשווונדן,
וועקן-אויף ווייטיקדיקע ווונדן.

כ'וואָגל אין אַ זעגל-לאַדקע
בתוך צעשטורעמטן לעבנס-ים.
אויפברויזנדיקע קיום-פּאַליעס
רודערן, אַרומשליידערן, אויפּשוידערן.

ס'געדאַנקלען זיך אַרוים
סילועט-געשטאַלטן,
יאָרן פון זכרון, פאַרעברט
אין די מוח-ווינקלען איינגעשזאָוערט באַהאַלטן.
ס'שוועבן אויף אינטים-פיגורן,
צו מיר צוגעבונדן,
אין טונקלער בלינדעניש ליכט אָנגעצונדן,
לאָזנדיק נאָך זיך אַ פונקענדיקן שײַן
ביים בענקענדיקן אַריבערגיין
דעם אומקום-תהום
צו יענער זייט פון עמק הבכא,
מיט חשכה אויסגעשפרייט.
ס'פילמען זיך אין פאַנטאַזיע ווילדער
פחד-בילדער,
שרעקטעג,

פאַריסורימטע אַוועק
אַן אויפטויכעניש פון געדעכעניש,
אונטער נאַכטטיולן פאַרהוילן.

נאָך פון וויגל אַן איז מיין זונשפיגל
מיט אַ גרויל-פאַרע
טייוולדיק פאַרהויכט,
די ראיה פאַרנעפּלט,
עתיד אין אַ גראָע רעה-כמאַרע,
איינגעאָבלט,
בתוך פינצטערניש פאַרבאָרגן,
שטראַליקער מאָרגן
אויפקום-פּלאַם,
אין פראָסט איינגעוויסט.

ביי אַ צאַנקענדיק יאָרצייט-ליכט,
קאָפּטשענדיק צעטריפט,
וויינט זיך אַרויס,
פון נשמה און האַרץ
אין אַ שוואַרץ-קאַנטיקער שריפט
אַן אָפּלדיק געדיכט:

פאַר וואָס
איז דער שמאָל און לאַנג
דורכגאַנג
פון פּרוזדור-סטעזשקע
מיט רוחות זאַווערוכעס,
יאָגן, פּלאָגן?

כ׳שפּאַן בלינד, מיד,
באַרג-אַראָפּ געשווינד
אין אויסגעפלאַמטער צייט פאַרסמטער,
איבער פאַררויכערטע,
איינגעשחורטע צעבראָכענע טעפּ,
ווו חיות-הבריות
האָט טאָג און נאַכט שוימיק געקאָכט,
אויף שטנס קוילן צעגליט,
אָקריפּדיק אַריבערגעזידט.

אין שלאַכטן,
אימה מהומהדיק צעפּאָכטן,
מיט פייער און שווערד —
טרעט איך,
האַרציק-קראַנק,
אויף איינגעפינצטערטן סוף
פון נצחדיקן שלאָף.

בעתן אויפטראַג פון טאָג

בעתן פייערדיקן אויפטראַג
פון שאַרוַיענדיקן טאָג
פליט דער מאַטוטראַ־פויגל
מיט אויפבורויז־געפלאַטער
אין געהויב, איבער נעפל־הייכן,
צום זריחהדיקן לאַנד פון פריד און פריידן
גן־עדן צו דערגרייכן.

אין זון־צעשײַנטן פּאַראַדיז
איז מסתּם דער טעם
פון שפּייז־קערנער נישט ביטער,
טערנע טרויב
אויף דערנער — זים.
— פליגלט ער אין רוים וואָלקנדיק וויסט,
צום מאַרגנגלי
אין הימל אָפּגעשפּיגלט.
פון שטראַלן געשפּונען אַ נעסט
פאַר זיך און זײַן זי —
אויף בוים געפינען,
איבער צעלאַכטענע צווייגן
לוסטנדיק אַרומשפּרינגען,
אַ תּאווה־שיר צו זײַן אהובה
טשוויטשערדיק אויסזינגען.

אין מײַן אימאַזש,
בשעת זדראַכענדיקן קאַיאַר,

צאַנקט אַזאַ נשמהדיק טליִען,
גלוסטנדיק צעבענקט
צום אויפבלענד־מיראַזש
אין אָריענט,
ווי סאַפּראַן־גראָז און רויזן בליִען,
צעקרישלט גלאָז
איז אַ בלישטשענדיקער בריליאַנט —
בכוונה צו אור־השכינה מתפּלל זיין,
ווי דער למד־וואָוו,
אין די מעשי המרכבה באַהאַוונט,
דערזעענדיק אין פּריפּלאַם,
די חדושי אלוהים,
האָט צום האר פון דער וועלט
אַ קדושה אַרויסגעדאַוונט.

ס׳טראָגט מיך די מחשבה אַוועק
צו דער זריחה אין הימלברעג,
תפילה טאָן צו דער השגחה.
כ׳באַגער שטן אין מיין שאָטן אויסווייכן,
וואָס באַגלייט אין וועג מיט שטרויכלרייד:
„ווער ס׳פאַרזוכט עץ־הדעת פּרוכט,
איז אין ספק אופק צו דערגרייכן”.

כ׳בן מתוודה:
דער רשעותדיקער אַנרייץ,
מאַכט פאַרלירן בטחון
בורא אַרומצוזוכן.
מיט מה למעלה שאלה
בלאָנדזשע איך אין כף־הקלע
פון עולם התחתון,

טו אויסדיכטן
מאת הארץ-געשוויר
ווײ-ווינד-געוויין פון נפש און לײב,
פֿאַרשרײב מיט פען און טינט אויף פּאַפּיר
יסורימדיקן לאַמענט
אין אַ בית-הקברות חושך-שורות.

צעפינקלטע שײַן אין דער הייך,
אײנגעאיקליפּסט פון ערדפּײערן —
מיט גיהנום-רויך
פֿאַרטונקלט מײַן ראיה.

מעגן די קוואַסאַרס, פּולסאַרס, אין רקיע,
שרפהנדיקע ראַקעטן,
צעשטראַלן, ווי אַסטראַלן,
די טויטע פּלאַנעטן —
פֿאַר מיר, עפר ואפר,
מיטן ערפל-צווייפל,
איז מער נישט נאָענט, העל,
ווי אַ מאָל אין קינדישער זעל
פון תנך-ספר, אדוישעם,
האָבנדיק אויפן סיני-באַרג, בקול רמה,
מיט פײַער-ווערק צו זײַן אומה זיך אַנטפּלעקט,
דורך די נביאים,
צו אמת און יושר געוועקט.

אין דורכגעלעבטע טעג,
בין איך פון די פֿאַרלוירענע ברואים,
אומפֿאַרפרומט,

אמונה אויסגעפלאַמט.
פֿאַלט אָן אַן אימה,
אין עלנט־וויסטער נשמה
פֿון אַ בשר־ודם,
פֿאַרן אומקום
מוחדיק זיך צו פֿאַרטיפֿן
כביכול מיט שׂכל צו באַגרייפֿן.

מחשבות, אין דעמער געבוירן,
ווערן אין אַ פֿראָסטיקן גלימער
פֿאַרלוירן.

ווער איז ער ?

ווער איז מיט אַ פיבערדיק משוגעת
דער ייד ?
אין פינצטער געמיט אַ חולאַת
ווי פון חיות רעות,
אַ ווילדער, איבער חורבה־פעלדער
אַרומגעטריבן : —
אין בית־עולם־מקומות,
שמות אין אַ טאָרבע געקליבן.
אַ חסר־דעה, מיט מאמירים
פון יסורים אין האַרץ פאַרנאָגלט,
וואָגלט אין דער שואה
פון קברי אָבות.

ווו סאָוועס אויף דאָרנדיקע קושאַקעס
און פּניאַקעס וויינען,
דימעט דער מקונן,
ווערט אַנטשלאָפן,
חלומט :
אַ אינקובוס צעגולמט,
פון ערגעץ אָנגעלאָפן,
שטיקט, וועקט.
כאַפּט ער זיך אויף מיט געוואַלט,
פאַרשווינדט ס׳לאָבוס־געשטאַלט,
וואָס האָט פּחד אין אים אַריינגעדעכעט.

אויסגעטשוכעט, פאַרמוטשעט מיט ווייסטע פלוכן,
אַ נשבר, אויגן מוטנע פאַרצויגן,
באָרד און פאות אויסגעקראָכן,
פּים איינגעלאַפּטשעט, טאַפּטשעט אין דער מדבר
איבער רויטע געוויקסן,
מרירים, אוים קברים פון טויטע
אַרויסגעהיטשעט.

נערט זיך מיט גראָזבלעטער, קרויט, שויט,
און ביטער וואָרצל פון דר'ערד,
ריטשעט בקול רם
צו הימלשע טויערן, אין טרערן איינגעפרוירן,
פון די אומגעקומענע אויף קידוש השם.
קלאָגט קעגן שכחה וועגן רציחה
אין נשמות
פון אומות העולם,
רופט מיט אַ גרילץ-אַלאַרם
צום יום-דין די בני הצלב ערב רב,
וואָס פאַרבלוטיקן, קויטיקן,
אַלץ אונטער דער זון.

רייסט וועלטן איין,
פון פיין אין הארץ פאַרנאָגלט,
וואָגלט מיט שרייענדיקע דבורים,
וועקט מתים פון קברים.

פון וואַנען קומט דער זקן
מיט זאַק אויף רוקן
קעגן ברואים, פּראים,

פֿאַרן שם שמים,
זיך אויסטענהן?

אַ דראָזש נעמט אים דורך,
פֿאַלט אַוועק
מיט אַ חלשות־שרעק.
אין אויג אַ טרער.
סאַפּעט שווער.

אין עמק הבכא,
ווו גליפּליגן אין דער טונקל
מיט לעש און צעפּינקל
אין אוממאַכט פֿאַרוויגן,
בלייבט ער ליגן
אין חשכה איינגעשוויגן.

מורנאַ לי

(פון די פאַשאַנאַדן)

מורנאַ לי,
לאָמיר אין געדאַנקען אויספלעכטן
פון התלהבה-פלאַקס
און אהבה-געוויקס
אַן איבערגאַנג-בריק
צום מזרח-ברעג,
ווו פריִען צעגליִען
זוניקע טעג,
שוועבנדיק מיט זריחה
צום מערב אַוועק,
אין ערב-חשכה נישט פאַרזינקען.

דאָ, ווו לבבות רצון און מחשבות וויאַנען,
אין טרוים אַריבערשפּאַנען
דעם וויסטן תהום,
צום ווייטן מקום אָן חשקים,
ווו אוניווערסאַל שפּינען, וועבן,
פון שטראַל-פעדעם,
גורלות און מזלות פון לעבן.

צו אונדזער אָנקומען,
וועלן פעיען
מיט בלומען-פלאַנצן,
קוויטן,

וויאָלעטן און מאַרגאַריטן,
אַקעגן טאַנצן,
רויזנצווייט פאַר די טריט אָנוואַרפן;
קלעזמער־מיידן
אויף פידלען, וויאָלן, פייפיאָלן און האַרפן,
מיט מעלאָדיעס באַגלייטן
אויפן שליאַך, ווו מאַרמאָריטן בליִען,
צום אָדם־און חוה־גן־עדן,
ווו קדם־שלאַנג איז שוין לאַנג נישטאָ,
צו זינד אָנרעדן.

מיר׳ן זיך אָנשיכורן
מיט אַמאָר עלעקסיר
תאווה צעפלאַקערן.
פונעם אַמבראָזיאַ־געטראַנק,
אונטער בלאָע הימלען
פון קאָסמישן רוים,
אין פאַראַדיז־גאָרטן,
פון שלום־ושלוה־בוים,
אין שאָטן
מיט פויגל־געזאַנג,
אין נחת רוח איינדרימלען.

פון שלאָף אויף —
אין פלעמלדיקער טרער,
פון זעליקן בליק,
וועט זיך אָפּשפּיגלען
כל־עולם־גליק.
צעזייעט איינזשאַריעט אין אייביקייט.

דער מקום,
וואָס איז מזווג זווגים,
באַהעפט גלי און קדושה ברי —
אור ער און זי ירושה —
נפש מיט נפש,
מיט האַרץ און האַרץ, פאַרקניפּט
אין אַן אש להבה-תאווה,
פון פרו ורבו.

מיר וועלן טרינקען אַ לחיים
צום צעהעלטן קיום,
וועגן אויף זעלשאַל,
מיט ליכט-געוויכט,
ברכה און הצלחה —
אַ מתנה פון אור השכינה
אונדז געשאָנקען.

מורנאַ לי,
שושנה מיינע,
לאָמיר אויספלעכטן
פון התלהבה-שטריק
אַ אהבה-בריק
אַריבערן פאַרנעפלטן תהום
צום מזרח-טרוים
זוניק צעלאַכטן,
שפּאַנען אַהין,
פאַנטאַזיעס שפּינען
נחת-רוח צו געפונען.

אַלט געוואָרן

אויסגעזומערט,
האַרבסטיק איינגעקומערט,
גראָ און אַלט געוואָרן.

ס'שווינדלט דורך אין זכרון,
איינגענורעטע ציטערניש, שרעק,
פון אָפּגעזוימטע, אויסגעפלאַמטע טעג.

ס'יאָמערט אַרוים די ביטערניש —
אַ תרעומות צו דיר באַשעפער, פון מאַמעס
אָפּגעפינצטערט לעבן,
ס'עגמת-נפש האָבן, סבלנותדיק איבערגעטראָגן.
קינדער אויסגעבענקטע,
דלותדיק אויפגעצויגן
און מיט אויסגעטרערטע אויגן,
פאַרקרענקטע יונג באַגראָבן.
פון די פּלאָגן אין צעבראָכן האַרץ,
נשמה דורך אַ בלוטשטורץ
צוריקגעגעבן.

אין שלאָפלאָזע נעכט,
וויינט פון מיר אַרוים,
עצבות פון מיין טאַטן
ביים חצות-אָפּריכט,
אַ ניגון וואָס הויערט אין נשמה-איינגעדויער.
געבוירן אין אַ „טעמנע זוויער"

פון די קאַרפּאַטן,
אַ בעל־מקובל אין זוהר פאַרטאָן,
אָנגענומען נסיונות באהבה,
פון עתיד לבוא געחלומט,
טאָג און נאַכט געתהלימט
ביז ס׳חיות פאַרלוירן.
רוט אין די הרי חושך איינגעבית־עולמט,
אונטער שנייען און זאַווייען צעווינטערט,
בשכנות מיטן גייות באַצלמט
אַרום ווילדוואַלד איינגעצווינטערט: —
ווו ווינטן בגילופין פייפן,
וועלף פאַרהונגערטע וואָיען,
וואָראָנעס איבער די וויסטע לאַנעס צעפליגלט,
און אויף סמאַרעקן * קראַקען.

אַ קינד אין קעלער־שטיבל,
פאַרווילגאָשטש מיט שימל,
פאַרוויכערט מאַת אַ קאַניץ־פּלעמל,
פון גריל פאַרטשירפּעט —
כ׳האָב מיט פאַראיבל זיך אויסגעוויגלט,
מאַמעס יסורים געזייגט,
געפרייכט, פאַרקייכט ס׳קעפּל פאַרלייגט,
ביי צאַנקענדיקער זריחה
וועלט נישט געווען ניחא.
טרערן וואַשן נישט אוים
אויגן־חשכות,
נעפּלדיק פאַרצויגן.
ס׳פּנים פון צרות צעאַקערט,

---

* נאַדלביימער

די תאוות אויסגעפלאַקערט.
מרה־שחורהדיקע טעג, אָוועקגעוויכערט,
האָבן אימת מוות
אין מיר איינגעפעכערט.

נישטאָ ס׳אומגעהייערע געוויכט,
אויף משקול־שאָל צו לייגן,
מורא־משא אָפּצוּוועגן,
וואָס שווערט
דעם קאָפּ אַראָפּ צו דר׳ערד.

כ׳מאַטער זיך אין אַ תקופה,
אַ חצופה־צייט פאַרשייט,
מיט אַן אויסגעדראָשן שקר־לשון.

נישט שטראַליק צעלאָכטן,
איז עולם־התחתון.
מיין אָפּזיין כ׳פאַרברענג,
צווישן עקדישן און שלענג.

האַר!
אין מיין שפּלדיקן געמיט,
די דברי חול
פון מיין קראַנקער זעל,
מיט צער איינגעסקריבלט אין ליד,
זענען דיך נישט צו באַשיינען.

די שוואַרצע קלעקן
פון צווישן די שורות
ניִשט צום אויסמעקן —
ס׳אַ פּאַרדרוס —
אָן וואָרטמאָס דורכצולייענען.

אויף וואָס פאַרא עולם הבא
מיטן אור הגנוז צעלאָכטן,
דאַרף איך אין עתיד זיך ריכטן?

שוואַרצע ראָבן
פליִען אין מיין געמאַך אריין
דורך די אויסגעלאָשענע שויבן,
דזשובען אין צעגליטן ווייטיק אוים אַ לאָך,
פון נפש וווּנדיק איינגעשניטן.

כ׳קוק אַרוים מיט אויפברויז
און שוידער
פון מיין איינגעהושכטן חדר,
פאַרשעלט און באַקלאָג
דעם כמורנעם טאָג,
ווען כ׳האָב ס׳אָנשיקעניש דערזען.

ס׳איז מיר באַשערט
אָן אַ תיקון
אָפּצוּוואַלגערן זיך אויף דר׳ערד.
פון פאַרשרפהטע לעפצן, במקום תפילות,
זיפצן אַרויפשיקן.

אויסן יאָכצען פון מיר, מקונן,
פאַרן שחת, קען סנדלפון,
מיט שירות ותשבחות דיך נישט באַקרוינען.
נאָכן פינצטערן פייער־חורבן
אין די שואה־טאָלן —
מיט וואָס פאַרא פלאַם־פאַרבן,
אלוהי שדי,
זאָל איך בקול רינה אָנקום מאָלן,
זיו השכינה נישט צו פאַרטונקלען?

אַ שטראַל אַריינגעפּינקלט

כביכול ביים באַשאַפן,
אין מיין מוח פאַרטונקלט
האָט שכל־שטראַל אַריינגעפּינקלט —
צו באַלייכטן במחשבה
אין עולם־התחתון
הון פון מעשה־המרכבה.
מיטן רעיון וועלן באַגרייפן,
אור החיים, קיום,
מיט ווייטיקדיקן ברי,
ס׳דאַיִקע אָפּזיין,
ס׳גסיסהדיק פאַרגיין.

פאַרנעמען ביז נשמהדיק אויספלאַמען,
מיט ווייטיקדיקן ברי,
חיִות־טראַגעדיע פון כל הבריאות,
האָבן ראיה און שמיעה־חוש
פאַרן רוח אלוהים־געפלאַטער,
אָטעם־רויש
אויף בוימבלעטער,
זאַנג, גראָז,
אין ווינטלבלאָז.

זען בלומען־וועריאַציע,
אַ פלאָראַל־טרוים
פון זוניקער אילומינאַציע,
מיט אַ ריח ניחוח אויפגיין
אין אַ שטילער הלל־תפילה.

איך, בחיר היצירה, אַ זקן,
בין מיט יראה
און שירה מתקן
פון קאַיאַר פייערדיקן אויפרור,
פורפורדיק צעהעלט,
רחבות פון דער וועלט.

כ׳פלי פון מיין סביבה,
אין הימלישער ערבה,
בלאַנקע אַרום
אין זריחה-דרכים,
חשכה-שטחים,
פאַרליר אין טראַט,
שליאַך צו גאָט.

בלייב אַ יחיד,
מיט אַ פחד,
קער זיך אום צו עפר ואפר קריק.
טו טראַכטן:
כביכול
האָט מיר אַ ביסל שכל געגעבן,
שטראַליק אים באַלאַכטן,
אין הימל-הויכקייט צו שוועבן,
מיט דעם מאַנגלשיין
תבל צו באַטראַכטן,
בעת דעם קאַרידאַריקן דורכגיין,
צום פיינישן אויסלעש
און פינצטערניש.

שושנה

פון די פּאַשאַנאַדן

אַ זעל-געפיל
איז אין מיר איינגעגופט,
נאָגט דעם חיות-זאַפט,
צוקט ווי אַ קאַניץ-קנויט,
רויט צעצאַנקט.

אַ באַגער אין נפש איינגעבענקט,
בריט מיין שווער געמיט.

דער אָדם אהבה פאָדעם,
וואָס האַלט אונדז
גשמיותדיק, צוגעבונדן,
איז ווי שפינגעוועב דין —
שטן קאָן די לאַפּיטוטן הייסן,
דאָס איבעררייסן,
מיט פּעם-בלאָז
פאַקל אויסלעשן,
באַפעלן:
צעפלאַמטע איינגעסמטע בויגנפייל
אַקעגן אונדז צילן.
האַרץ צעקרעלן,
בלוט-זאַט איינקילן.

אייפערזוכט איז אַ שנאה-ליכט,

וואָס טאָפּעט, קאָפּעט,
צאַפּלדיק ברענט,
וואַרפט טונקעלע אימה־שאָטנס,
אויף די נשמה ווענט.

אַז ווענס ווערן דיר צו לאַסט,
פאַרמיאוסט, אויפגעוואָרפן,
דאַרפן חלילה זיך צעשיידן —
וועל איך זריחה אויסמיידן,
מיט וויסטער מערכה
אין אַ נירוואַנאַ־חלום,
אַ גולם פאַרשטאַרט,
בתוך חשכה חדר איינגעשפּאַרט
זיצן,
ביז חיות־אָדער וועט פּלאַצן.

צעשפּיל נישט אַ שנאה־געפיל,
אין מיר ווי צו אַ זונה,
זיך כּעסיק אויסצופורמען.
פּאַשאָן־פּאַקל
מיט אינטים־פלאַם אָנגעצונדן,
זאָל גאָט באַשירמען,
שטן זאָל הייסן להכעיס־רוחות פאַרלעשן,
ס׳אָמאָר־שטריקל זעל צו זעל געבונדן —
איבעררייסן.

דער סוד, איינגעכּישופט אין דיר,
וואַרעמט מיין צעטריפט בלוט,
מאַכנדיק מיך ווייטיקדיק בענקען,

פּען אין דם־ברען איינצוטונקען,
האָבנדיק אַ שיר אויסגעטרוימט,
אין מרובעות־שריפט,
ווו יעדעס אות
איז אין פּאַפּיר אַריינגעפּלאַמט,
אַ זכירה
מיט אַ ציטער פאַרפּיינט,
פאַר דורות שפּעטער
האָבן געלייענט.

די אהבה־תאווה,
פון כביכול דיר געשאָנקען,
מאַכט מיין נשמה־צווייט
ווי אַ ליכטקנויט צאַנקען,
חלומות זיך צעשפּינען:
טו פליִען אין די הימלישע ספערן,
צו לבנה, שטערן,
און זון־פייערן וואַס גליִען.

כ׳שווער מיט דיין ליבע,
שושנה,
דורך וואָלקנס טריבע,
השגחה צו געפינען,
שכינה־זריחה,
אויף אונדז צו רוען.

ווינטן וואָס שטורעם פאַרזייען

ווינטן וואָס שטורעם פאַרזייען
זאָלן מיינע קינות
אויף קברים
פון מיתה-משונות צעוואָיען.

פון די בלוטיקע טרערן, מקונן,
זאָל סנדלפון, ווי מיט רובינען,
די שכינה באַקרוינען.

ס׳פורמען זיך אַרויס
פון מוח צעגליטן,
טונקעלע סילועטן.

ס׳צעפילמען זיך אין רעיון
מאת חללים, נפילים,
די גלגולים,
קינד און קייט:
רב, דיין, שניידער, שוסטער,
קאָוואָל איינגעריסטער,
האָלצהעקער, בעקער,
דאַכשלעגער און וואַסער-טרעגער.
מכל-הארצות שטעטל-תפוצות,
למד-וואָוו און בטל-לייט,
אויסגעדאַרט, איינגעקוואַרט,
מיט אימהדיקע בליקן.

מאת די צעלעכערטע זעק
אויף געבויגענעם רוקן,
אין חושך איינגעשוואַרצט,
שטאַרצט אַרוים גלות־דלות,
זלזולים, עלילת־דם־בלבולים.

בלאָנדזשען אום, פּרום, אין שואה־תוהו,
קריכן איבער שייטער,
זוכן חלום־לייטער,
שטאַפּלדיק צו שטייגן,
הימלישע הייכן צו דערגרייכן.

זאָל דער אייבערשטער מיט צעגליטער חרטה,
זיך מוסרן: —
וואָס פּוסטעניש און וויסטעניש
פון כאַאָטישע וואַסערן
ר׳האָט געטאָן אַרויסשיידן
און מיט אַ באַפעלעריש אויסרופן
אַ גן־עדן באַשאַפן,
ווו שטן מיט זיין כיתה,
אין חיות־גאָרטן,
פון כל הבריות
האָבן נחש־שליטה.

מעפיסטאָפעל מיטן שחת־געררוך,
אַרוים פון רויך ערפל מהומה,
מאת די אין כבשנס אומגעבראַכטע,
לאַכט אַרוים אַ נעפּלדיקן להכעיס־טשאַד.
וואָלקנס פון טויט

פאַרפינצטערן די זריחה
פון כביכולס השגחה אויף אדמה
מיטן קדמונדיקן טוב־מאוד,
ביים סוף פאַרענדיקן אַלץ
אין די ששת ימי
בראשיתדיקן באַשאַף.
ר׳איז מער נישט שטאָלץ,
מיטן צלם אלוהים, אָדם.
האָבנדיק פון קין־רציחה,
סדומס רשעות
אין זיך איינגעבריט.

אַ שאול־גרויל
מיט עיפושדיקן ריח
מאתן ערד־מזבח גייט אויף,
אַ זעם־גיהנום פון יללות
אין אָרביטיקן געלויף,
אַ פלי־מענאַזשעריע מיט אומזעטיקע חיות־רעות
וואָס לעבנס דערשטיקן,
און בלוטיק פאַרצוקן.

שערי שמים פתח

עפנט די הימלישע טויערן
פאַר יללות, תפילות,
שמע־ישראל־געשריי,
מיט יעמערלעכע קולות און בלוטיקע טרערן,
יעלות צו אל שדי.

זאָל דער געוואַלט
אין גיהנום־גאָרטן
פון דער וועלט,
בתוך די שטן־שממות מאת די תהומות,
נישט פאַרלוירן ווערן.

פון די הושענא׳ס און קינות
סנדלפון אַ קרוין זאָל שפינען
פאַרן בורא כל עולמים.
ימים, ימים שפיכת דמים!
זון, וויט אַוועק,
איבער טויט־פאַרסמטע טעג,
אַ רויט צעהיצטע, טוט צעגליטע שפיזן לעצטע
מאת איר שקיעה
אין וועלטס ראיה אַריינשטעכן,
מאַכן מיטן בראַנד הפקר־זינד בלינד,
מיט פלאַקערשיין שקר עוקר זיין.

עפנט די הימלישע טויערן
צו די יללות, תפילות,

שמע-ישראל-געשריי,
מיט יעמערלעכע קולות און בלוטיקע טרערן,
נישט אין שממות תהומות
צו ווערן פארלוירן.
בעתן ארויפשוועבן עולה יפה זיין.
זאָל סנדלפון אַ קרוין פאַרן כסא הכבוד אויסוועבן
פון די טרערן פינקלדיקע שטערן,
צו באַלייכטן דעם פינצטערן דרויסן,
ווו זונען אין די מקומות נישט שיינען,
וואָלקנס אין די תהומות אַריינוויינען.

אָטעמט אַרויס

אָטעמט אַרויס
פאַרדעמפּטע ריחות,
גלות־אבלות,
איכה־קינות,
ציט אָן די סטרונעס מיט פלאַטער און הענט־ציטער,
פיוט־עולם אויף קלעזמער־כלים,
אַ זכר לחורבן נדר,
אויף חדר־ווענט,
געווען פאַרהאָנגען,
און טוט אַ זמר אויסזינגען,
כמה אימה־יאָרן,
מיט דויער־טרויער און וויינען,
אומפאַרזשאַווערט,
נישט איינגעעבערט געוואָרן.

שכינהס שטראַלן זאָלן באַשיינען,
די גבורים מצבות
אין אָבות־לאַנד —
פאַר עיר השלימה
מיט דער מקדש־וואַנט
אין מלחמה געפאַלן.

ירושלים! האַרנטע,
וויפיל אין פאַרלאָזטע וויסטע יאָר,
קימער, צער, יאָמער,
פאַר דיר פון שברת הלב אַרויסגעריסן.

ילְלות מיט טרערן־תפילות,
צום שר־השמים אויסגעגאָסן.

אויפגיין זאָל בקול רינה,
אַ נגינה, מאת זעל־צעפינקלטע,
אין ארצות, תפוצות —
אַ געזאַנג־אויסלאָד,
פאַר די העלדן־שלאַכטן
מיט אַ ווילדן־שונא אויסגעפאָכטן,
אַ שיר חדש צו עיר הקדושה.

טוט פאַקלען צינדן.
זאָל עצבות־חשכה פאַרשווינדן,
לעולם־ועד,
פון דוד־שטאָט.

קומט מיט פויק און טאַץ
אויף אסיפה־פלאַץ,
מיט נשמה צעפלאַמט,
דיאַספאָראַ־לייט,
פון תוהום שואהס,
אין געוואָגל,
אויסגעמאַטערט, פאַרביטערט,
באַקלאָגער פון טויטע,
שארית הפליטה,
איבער ימים ווייט צעשפּרייטע.

טוט כאַטש במחשבה,
מיט אויג פאַרטרערט,

עולה רגל זיין
צום כותל המערבי,
זאָל אייער גילה-תפילה,
ווערן דערהערט:
דער זעקס-טעג קריג,
פון ישראל מיט ישמעאל,
זאָל זיין דער לעצטער
אויף אַ שלום-שטיין אַן איינגעקריצטער.

דער אַראַבער, בלוטיק פאַרזינדיקט,
אָננעמען זאָל פריד-האַנט פון ייד,
שלווה און מנוחה
ווערן שופרותדיק פאַרקינדיקט.
ערד מיט תבואה זיין צעבליט
מים-חיים פון פעלדז און פעלד
האָבן אַרויסגעקוועלט.
רויז און בלום יעדעם הויז באַצירן.
מורא און פחד
פון יחיד זיך פאַרלירן.
פון טרערן-געבעט
מקוים זאָלן ווערן
די דברי הנביאים
פאַר די דורות הבאים.
פאַרן אָפּשטאַרב
טראָג איך במחשבה אויף נשמה-האָרב
הבל-ווינט, טייוול-זינד,
להבה-תאווה אויסגעברענט.

פנים-קנייטשן יסורים פאַרטייטשן.
מיט אמונה אין געוואַקל
בלאָנדזשעט אַן אַלט-גרויער
אויף שטרויכל-שטעגן,
צווישן אומפרייד-לייט, פול שנאה.
מיט אַ טרויער-שאָקל פון די קעפּ
שטעלן זיך נישט אָפּ צו פרעגן:
וואַהין דאָס שלאָנדערן,
מיטן רוחני-הויקער ס׳ארומוואַנדערן?

אין מיין איינגעטרערטער ראיה
צאַנקט זון-שקיעה.
אויף האַרצן שווער
פון נשימה קורצער,
יסורימדיק מיד,
באַגער,
אין צעגליטן אָוונט
איידער ס׳צינדן זיך די שטערן —
מיין מנחה-ליד אויסגעדאַוונט זאָל ווערן.

פאַרן איינזינקען אין רפש
תופס זיין בראשיתדיקן אַסטראַל-שיין
אין פינצטערניש פון וועלט
קאָסמאָסדיק אַריינגעהעלט.
וועט מיר אין שחת-פחת
מנוחה ניחא זיין.

זאָל
פון מיין פרומען גלויבן

מיט נשמה־פלאַמען,
פאַרגליווערט בלייבן,
אַ נצח־שימער,
ווי פון אַ קאַניץ־קנויט,
אין אייזיק־קאַלטן
אויגנשפּאַלט,
און פאַרן טויט נישט אַוועקרויבן.

געגאַנגען בטחון זוכן

כ׳בין געגאַנגען אין משונה־טאָל בטחון זוכן,
פון נשמה אַנטרינען.
אַרומגעשפּרייזט אויף שמאָל־לאַנגן שטעג,
נחמה און אמונה געפינען.

כ׳בין אַרוים פון טונקל געצעלט
אויף סכנות־שליאַכן
זעל־זריחה זוכן.
אין עמקנות פיין פאַרזונקען,
בעת געוואָגל, אוים ספקות־לאָגל געטרונקען,
משיג צו זיין טרויער געלויער
בתוך וועלט
מאת קאָסמישע שטראַלן צעהעלט.

געזען קלעזמאָרים
אויף בית־עולם
מיט פידלען און באַסן
אַרום מאַסן־קברים
קעגן שטאַרצנדיקן צלם
אַרויססקריפּען פון די כלים־סטרונעס
ס׳פאַרכליפּען פון די שוכני עפר,
עצבות־טענות צום הייליקן באַשעפער,
ליטורגישע קלאַנגען
פון די אין ימען
שפיכת דמים אויסגעגאַנגען.

באַגעגנט אויף סטעזשקעס קרומע

אַן עדה פֿאַריאָגטע, געפּלאָגטע,
ווידוי זאָגן,
אבידה פֿון שי־עולמות באַקלאָגן.
מיט פֿאַרעגמתטע לײדן
אױסשטרעקן די הענט,
צום פֿאַרלוירענעם גן־עדן
מיראַזש
פֿון שקיעת החמה,
אין האָריזאָנט צעברענט.
באַמערקט אַ פֿאַנטאַסט,
האָבנדיק די ראיה פֿאַרלוירן,
הויערן אין דער מדבר וויסט
אָקעגן זון צעבלענצטער שקיעה,
פֿינצטער טאַפּן
בתוך דמיון צעצינדטן
גאָלד־געשפּינטן חלום
פֿון כל עולם אָנצוכאַפּן.

אָנגעטראָפֿן אַרום אַ טשערעדע שאָף
אין אַ טאָליקע,
אַ פּאַסטעך למד־וואָוו אין פֿאַרצווייפֿל
אויף אַ פּישטשאַלקע
אַ גאולה־תּפֿילה
פֿאַר עם סגולה אַרויספּייפֿן,
ביים אויפֿשיין פֿון שטערן
אין הימל צו דערהערן.
פֿון איינגעשאָטנטן וואַלד,
אַ טיוול־פּייפֿל האָט קריק־געשאַלט.

אין אכסניה אויף פּרשת דרכים,
ווו שיכּורים צייט פֿאַרווײַלן,
געהערט אַ וואַנדערדיקן חכם דערציילן:
ווייט פֿון אָריענט,
אַן אַסקעטן־סעקטע באַשווערן גייסטער
צו ווערן פֿון חיות־רייסטער אויסגעמעקטע,
זיצן פֿון זינען גערירט,
אין אַ נירוואַנאַ פֿאַרהיפּנאָטאַזירט,
בעת זונזינק־שײַן אויסצוגיין.

אַ כיתה, אין שאָטנס שליטה
פֿון מרה שחורה,
פֿאַרשנאָשקעט ווי לוט,
אַ חברה מיט וווּלגאַר עברי,
בגילופֿין אָנגעזויפּן,
האָבן מורא פֿאַרן טויט —
זענען אין ספֿק רגע און מינוט,
צי דופֿק פֿאַרגליווערט נישט אין בלוט.
כ׳בין אַוועק אין קרומע טונקעלע שטעגן
אויף בטחון זיך נאָכפֿרעגן,
פֿון נשמה אַנטרינען,
געטאָן אין שליאַכן זוכן,
אמונה געפֿינען.

געקומען קריק צום הוּאַרלאָז הויז
מיט לעכערדיקן רוק־זאַק.
וויזיע אָנגעווווירן,
פֿאַנטאַזיע פֿאַרלוירן.

נישט פון זונשטראַלן

נישט פון זונשטראַלן
ווערן די אָנקום-טעג געשפּינט,
פאַרשווונדענע אַוועק,
אין חושך איינגעבלינדט.

צייט פאַרנעפּלט,
פון מיין קינה איינגעאָבלט,
אָן אַ תחינה אַרויסבאַגלייט,
צוויט אויף נאָך-שריט
נישט געשפּרייט.
פאַראומערט מיט משוגע-השגה,
אין עגמת-צוואַנגען איינגעקלאַמערט —
עצבות-געוועב,
וועט אָנשוועב-רגע ברענגען?

אין פאַרוואָלקנטן בליק
צום פאָרויס-שפּאַן
אַ קווענקלעניש איז פאַראַן —
ביים אומקער, פאַרפּייכט פון אַ טרער,
אַ טונקלעניש אויף קריק.

כאָטש שטיי ביי די אימה-ברעגן,
פון וויסטן פּיין,
פאַרזיי זאָמען
וואַרט אויף שפּריירעגן,
קברות-בלומען פון אדמה אויפצוגיין.

ניִשט מיט אַמבראָזיאַ־זאַפט
איז געפּולט מײַן מוזע־כּוס,
כ׳טרינק אױס בעת צער דעם נעקטאַר גיפט.

שחת־רוחות װעלן די חלומות אױפכאַפּן,
די לולקעס אָנשטאָפּן
מיט שמות פון די כתבים, פאַררױכערן.
עשן צעװיכערן,
צום עזאָזל פאַריאָגן,
װוּ כּלבים סקאַװוטשען,
מכשפות אימהדיק ריטשען —
מײַן מזל באַקלאָגן.

כ׳שטײ בײַם תּהום־ברעג,
אין טרױער־געדאַנקען פאַרזונקען,
טרײַב די שרעק־טעג אַװעק,
טראַכט:
ניִשט מיט אַמבראָזיאַ־זאַפט
איז געפּולט מײַן מוזע־כּוס,
איך כלאַטשע דעם גיפט,
קלאָפּאַטשע אַרױס
פײַן־װערטער ניִשט צום פאַרשטײן.

רוחות אױף מײַן קבר װעלן האָפּקען,
אַרומשװעבענדיקע חלומות אױפכאַפּן,
מיט כּתבים־שמות לולקעס אָנשטאָפּן,
רױכעס פון די ציבוכעס אַרױספּיפּקען,
עזאָזל־װינטן װעלן די כמאַרעס
איבערן שחת צעטראָגן,
מײַן שלימזל באַקלאָגן.

עד מתי?

פון ציקל
איציקל בעל מגיה

פאַר וועלכער זינד, האַר,
בין איך מחויב, מיט מוראדיקע געדאַנקען,
אין תוהו ובהו,
כמעט בלינד אַרומצובלאָנקען?

ווער געיאָגט מיט אבלות
איבער גלות קברות
פון דיינע קהלות,
אין פלאַמען אומגעקומען.

איך, בעל מגיה, הויז אָפּט,
אין שיל-קלויז-חורבות,
צינד ליכט,
געפין אַ הייליקייט-יריעה,
טמאדיק פאַרשוועכט,
איינגעריסן, פון מייז צעביסן,
אותיות פאַר די אויגן,
ווי פונקען אין בלוט געטונקען,
שווינדלנדיק צעפלויגן,
פאַרגוואַלדיקט וואָרט מיט וואָרט,
צעקריגט —
פון טונקל-ווינקל עמעץ לאַכט:
שטן האָט געזיגט.

בתי מדרשים פאַרשאָלטן,
פון רוחות און שרעק באַוווינט,
די בני כאַם, נאָך שפיכת דם,
העק באַהאַלטן, אין קלויסטערס צעשיינט,
גלעקער צעקלינגען, יויז באַזינגען.

מיין שנאה־קינה געשריי קעגן זיי,
געהייליקט אין אַ תפילה אַפילו,
זאָל הויך בתוך עולמות פאַרשוועבן,
צווישן גאונים,
צדיקים קדמונים,
וועט אַ שבח נישט זיין דיר אָפּגעגעבן.

וויפל איז דער שיעור
מיט צער צו פאַרצאַנקען,
בתוך זומפּיקע טייכן זינקען,
אַרומשלייכן מיט יסורים,
דבורים נישט ניחא,
צווישן קברים אין חשכה?
נישט אַ בלינדער אין חלום,
כ׳וואַנדער פאַרביטערט
איבערן וויסטן בית־עולם,
ווו שחת־רוחות צעוויטערט,
מאת פאַרשרפעטע גופן
פאַרשטיקטע פיינען
דורך פייפן אַרויסוויינען.
איינגעפלאָגטע ווייען אַרויסשרייען.
הימלען פאַרטומלען.

פאַר מיין ראיה,
עשר דברות
פון צעריסענער יריעה,
פייערצונגען אַקעגן שפּרינגען.

צו וועלכן סופר זיך ווענדן,
יוד־האַ, וואָוו־האַ, שם אדוישעם,
אָבותדיקע ירושה,
נאָך טבילה, מיט יראה און קדושה,
קריק צונויפבינדן?

ווער פרום —
נאָך אלף אלפים עם־ישראלדיקן אומקום
קאָן ביים גלייבן בלייבן,
צוזאָג אין תורה לייענען,
ווען כמו רקיעדיקע שטערן,
ווי ים־ברעג־זאַמד אונדז מערן —
און מיט קלאָג זיך נישט צעוויינען?
זען אַרויף די טרעפּ צום תיפלה־הויז
ס'גייות מיט העזה
און בלויזע קעפּ שטייגן,
פרעפלען אַ דם־שפיכה־סליחה,
און בלומען פאַר יויז און מאַמען לייגן.

ווי לאַנג נאָך
אין מחשבות פאַרזינקען,
בתוך נישט דערוויטערטע
נעפלען רויטע
פון פאַרשייטערטע טויטע,

וואָס הימלישע הייכן,
נישט דערגרייכן,
וועל איך דאַרפן
מיט לשון שאַרפן
אין מדבריות פון שר המשחית,
בתוך חשכות אַרומבלאָנקען,
וויסטע חלומות שפּינען?
ביזקל מיט גאַל־פּאַרדרוס אָן זריחה,
בתוך קרקע מנוחה געפינען?
ליגן פאַרגליווערט, איינגעעברט
אָן מצבה־שטיין אין פינצטער־טאָל,
ווו ווילד גראָז וועט קיין מאָל נישט אויפגיין.

וויפל יאָר נאָך,
דאַרף איך פון וואָרלאָז מקומות
צו דיר אין די מרומות
אַרויפקלאָגן?
נישט ווערן אין שאול תחתיות
מיט גרויל־פלאַכטעס צוגעדעקט?
איך, עפר ואפר,
פון עוונות באַפלעקט,
זיין אין חושכדיקע דאָען
מאת מיתה משונות איינגעשרעקט —
הערן קראָען קראַקען,
זשאַבעס בתוך זומפּן קוואַקען,
נישט ווערן פון חיות הברואים ספר
אויסגעמעקט?
עד מתי, אָן רו
אַרומפּילגערן מיטן חלום

פון בלוטיקן נעכטן
אַרומוואַלגערן אין עולם התחתון.
איבער חורבות, דערשלאָגן,
מיט דלות און אבלות-טאָרבעס
זיך אַרומטראָגן,
מער נישט זען,
ביים לעבנס-שקיעה,
מיט פאַרטונקלטער ראיה,
זוניקע מאָרגנס
אין קאַיאָרן אויפטאָגן?

שפעט ביי נאַכט

פּעטרופּער סופר,
מיין אַלטער שכן,
שפּעט ביי נאַכט,
ביי אַ צעקאָפּטשעט ליכט,
מעדיטירט:
לויט חקירות פון חז״ל,
איז ס׳חיות פון כל הבריות
מאת די שוכני עפר
פאַרן באַשעפער רעגיסטרירט.

חיה-ברום, בריל, ביל,
אינזעקט-שווישטש, פּישטש און זשום,
רעקאָרדירט;
הערט, מינדסטן ריטש, שרץ-קוויטש,
פויגל-געזאַנג און הים פון שלאַנג,
אויף דר׳ערד.

פאַרנעמט אָדם-לאַמענט
אויף כדור האָרץ,
זיין טראַגעדיע, ליטורגיע: —
אַן אומשולד-קינד, פון אַ מוטער-טראַכט,
מיט נשמה-פלאַטער
איבער דאַנק
אויף דער מהומה-וועלט געבראַכט,
חלומות געשפּינט,
אין מרומות געשוועבט,

אַלט פֿאַרדאַרבן אין זינד פֿאַרקראָכן,
טראַומאַטיש אָפּגעלעבט,
צעציטערט, איינגעביטערט,
אַ שאַרבן צעבראָכן,
צום אדמה־יסוד אומגעקערט.
יעדער קלאָג ווייסטער
ווערט פֿאַרצייכנט אין אַ רייסטער.

מסתם איז אויך מאת עם המקובלים,
אין סגופים געלייטערט,
דער גופים־פּלאָם,
פֿון טויטאָן־מהבלים,
אין פֿייערן געשייטערט,
אויף קידוש־השם,
צו די שערי אלוהים
עולה געווען: —
סיידן, סטרא־אחרא געשפּענסטער,
רחמנא ליצלן,
אויסצומיידן געברען
צו די הייכן
אל־המיוחד נישט צו דערגרייכן —
האָבן דעם רויך
מיט פֿינצטער־פֿליגל
אַראָפּגעפּאָכעט
בתוך עולם־השפל,
אין ערפל צעוואַקסן,
שמש־שטראַלן צו פֿאַראיקליפּסן,
די קדושה־מקומות
נישט צו פֿאַרגרוילן,

זענען אין די שאול־תהומות געפאַלן,
ס'זאָל שמע ישראל־געשריי
אל־שדי נישט דערהערן.

אַזוי טראַכט פּעטרופּער.
טויט פון צעפינקלט ליכט,
וואָס די ראיה בלענדט,
קאָפּ אָפּקערן:
זעט שאָטנס צעוואַקלט
אויף די ווענט,
האָט די טונקעלע מחשבות
מאת אבלות אָנגעקליבן,
מיט אותיות מרובעות
אין אַ ספר־יריעה
פאַרשריבן.

חוב באַצאָלן

טאָמער שולדיק כ׳בין װעמען אַ חוב,
אָן קימער כ׳װעל באַצאָלן,
אַ קאָנט-װעקסל אָן אַדרויף,
כ׳װעג קריק, װי מיט גאָלד אויף שאָלן.

אויב ס׳פילט װער אָפּגענאַרט,
זאָל נישט שעמען דאָס צו זאָגן —
מוח נאָך נישט אויסגעדאַרט,
יעדן זיינס אָקעגנטראָגן.

ביים לעבן טו איך שטרעבן
װאָס געליִען אָפּצוגעבן:
דעם גערעכטן — אַ זריחה-ברכה,
נבזה שלעכטן — אַ נבלה-קללה
אין חושך טיף פאַרפלאָכטן.

בעת איך פאַרלאָז די װעלט
זאָלן בייזע הינט נישט האָבן געבילט.

כ׳טו שטרעבן יעדן
זיין חלק אָפּגעבן
װאָס ערלעך פאַרדינט.
נישט קלייבן אויף זיך
שרעקלעכע זינד.
טאָמער שולדיק איך װעמען אַ חוב,
זאָל מען מאָנען, כ׳װעל באַצאָלן.

זמרים

מיין צעפלאַמטן אומגעצוימטן לשון,
זאָלן טרערן נישט פאַרלעשן.
צעשויבערטע זמרים,
גרויל־מאמרים,
שטראָף־טראַף,
מיט זעל־ציטער
עגמתדיק אָנגעשריבן,
אין ספרים־בלעטער
צונויפגעזאַמלט —
אַרכאַיש נישט פאַרשימלט ווערן.

ביים צאַנקנדיקן ליכט
אות צו אות געקליבן,
פון דברים נסתרים
שורות געסילעט,
צעפלאַטערט ה׳געמיט
אין אַן אומהיימלעכן ליד —
נישט פאַרן טרובאַדור, צעשויבערט די האָר,
מאת לאַנג־אָפּגאַנג־צייטן אין אַ יגון־ניגון,
צום גראַם, פאַרן המון־עם,
צימבלענדיק באַגלייטן.

די שירים
מיט דער מה למעלה־שאלה,
איז פאַר יחידי סגולה
ראוי צו זען נאָכן טונקל ווערן

שכינה-שיין
אין געפינקל פון די שטערן,
בתמימה אימה זיך פאַרטיפן,
באַגרייפן מײַן השתפכות הנפש,
פאַר פטירה תופס זיין
סוד היצירה.

אין פאַרכליפּעט האַרץ

אימה אין פאַרכליפּעט האַרץ איינגעפּאַכעט,
נשמה־פּחד אין צעזשיפּעט חיות איינגעדעכעט,
אַ נורא־מורא,
מנוול־שד
אין כעס
פון צעהיצטן רעיון
צום כליון און פאַרלענדן,
זאָל חלילה־וחס,
מיט אַטאָם־פונק און אומברענג־שטאָפּן
ערד־פּלאַנעט אין אַ פאַקל אָנצינדן,
פאַר מלאכי חבלה
אויף בהלה־ספּעקטאַקל צו גאַפן.

מיין פאַנטאַזיע, נישט מיט אַמבראָזיאַ־זאַפט,
נאָר פון צער און גיפט געשיכּורט,
פאַר וויזיע — אַ גיהנום צעפלאַקערט.

אַרמילוס, לילית און כתה,
וואָס גילטן אין קיום פאַרשאָלטן,
זיצן אויף אַ לבנה־פּליטע,
קעגן שר השמים ציינער קריצן,
מיט ניבול־פּה אנוש און תבל
סאַטאַניש פלוכן,
קייכן, לאַכן פון פרומע זקנות,
אויפן סאַטעליט בשכנות
מיט יסורים אָנגעלאָדן.

כ׳גאַר זיין פון אדמה־מהומה
בתוך הימלישער טיף,
הויך אין אַן אַסטראַל־שיף אַוועקגעזעגלט.
גרויל אין זעל נישט אָפּגעשפּיגלט.

בעת קינדווייז
אין סקריפּענדיקן וויגל,
בתוך ווילגאַטש־קעלער־שטיבל,
האָבן מיינע נעגל ס׳לייב געגראַבלט,
אָנגעקראַצטע וווּנדן אָנגעצונדן.

נישט מיט אַמבראָזיאַ־זאַפט,
זים פאַרצוקערט —
פון גאַלגיפט־פאַנטאַזיע אָנגעשיכּורט,
פאַר וויזיע
קאַלעמוטנע פאַרטרערט
איז ערד מיט בלוטיקע ליידן.

נשימה־אימה,
וואָס כ׳שנאָרך איין־אויס,
איז אַ כביכול־באַשאַף
מיטן שכל נישט משיג צו זיין.

ס׳איז קיין חידוש:
אין מיין וויסטן חיות־חלום
פון פּחד און מורא,
כ׳בין כל־עולם
צום שם־המיוחד־בורא
מיט אַ תהילה־תפילה
נישט מקדש.

טראָג זיך, פּאָעט

טראָג זיך, פּאָעט
מיט קימער און גרויל
אין אַ דזשעט־אויספלוג
איבערן יאָמערטאָל,
פון ערדפּלאַנעט.

אַנטפלעק באַטראַג־מראה
פון דעם אומקום־גאָט:
מיט העץ־לשונות מלחמה צעפלאַקערן,
מיט טשאַד־רויכעס פאַרשיכּורן,
דורך פייער און שווערד פאַרוויסטן די ערד.

זאָל צעשאַלט וואָרט
באַזינגן
די פון הריגה משוגע
נאָך מאת אור־אָבות
מיט סאַטאַניש האָסן אין בלוט צעפלאָסן.

דורך הילך־האָרן וואָרן
טומל־געזעמל אין חשכות־טאָל
קעגן משחית־מולך,
רציחת־שומם, שפיכת־דמים.

פלי מדבר אַריבער פלאַמיקן האָריזאָנט
אין געוואַנדער צו לענדער.
וועק צום אויפשטאַנד,

אויסלייז-אַנזאָגן
פאַרן ווינט געשווינד צעטראָגן
צו ארצות, תפוצות, ווו חולאת,
פרעות, צרעת, פעסט
אָדם-גוף צעפרעסט.

טראָג זיך אין אַ טאָרנאַד-דזשעט
איבערן ערדפּלאַנעט
פון צעגרויטע פאַרעס
און כמורעס רויטע איינגעטרערט.

דורך האָרן-שאַל
וואָרן מיט יללות-קולות
פלאַטערניש, ציטערניש,
קעגן האָלאָקאַוסט וויסט
לאַמענטיש צעשריגן.

באַלעסטיקט מיטן טאָרטור-קאָשמאַר
אין דער מריבה-סביבה,
זינט באַגין פון באַשאַף —
פאַרראָטן, צעטרעטן
איז ערב-רב,
פאַרשאָלטן מיט קין-עוונות,
רעיונות היציק צעפלאַמט,
מאת אורשלאַנג פאַרסמט.

אַזוי לאַנג חיות-גלי
איז אין זעל —
פלי אין אַ שטאָל-דזשעט

איבערן יאָמערטאָל,
לאָז פאַלן אַ פלוגבלאַט
מיט אַ נביאה־שפּראַך,
ווו הורטמאָרד פון מלחמה־שד
איז באַשריבן.

בלייבן זאָל פון אַוויאָן
פלאַמיקער רויך אין הימל־ראַיאָן
בעת דורכגעפלויגן,
ווי אַ רעגן־בויגן,
וואָס וואָרנט
תחתון־געזועמל
קעגן בלוט־מבול
פון אשמדאי־מחבל,
מיט רציחהש האַסן פאַרגאָסן.

זאָל וואָרן־פלאַם נישט פאַרגיין,
דערמאָנען מיט אָפּשײַן,
עם־עולם
אין בלוטטייכן פאַרפלייצט.

צו ישו הנוצרי

אַז כ׳זע דיך, פֿאַרוואָגלטער,
צו שתי־וערב אַ צעגענאָגלטער,
מיאוס געשענדט,
פֿאַר פֿייגל אין פֿעלד אַ שרעקגעשטאַלט,
מיט דערנער אַרום קאָפּ,
פֿאַרן גזלנדיקן זשלאָפּ אַ כריסטאָס,
אַ כפרה פֿאַרן דם־פֿאַרגאָס,
אַוועקגעשטעלט —
צעוועקט דאָס אין מיר ווייטאָגדיקן צער אויף דיר,
פֿאַר דעם רחמנותדיקן סלח,
וואָס דו, זון פֿון גאָט,
קעגן לא תרצח געבאָט,
אויסגעדונערט אויף סיני־באַרג
צעשמייליקסט, באַוויליקסט.

האָב נישט פֿאַראיבל,
וואָס פֿייער און שוועבל
זענען מיינע רייד
אין דער מערדערלעכער סדום־צייט.

איך וועל דיין אַפּאָסטאָל פֿון רוים נישט ווערן,
האַלט נישט די הענט
מיט בענטשונג צעשפּרייט,
טו ווייכן פֿון די מיט קין־צייכן,
איינגעשרפֿעט אויפֿן שטערן.

כ׳שטיי יסורימדיק שטום, פאַרטראַכט.
זע, ווי מ׳האָט דיך נבזהדיק אומגעבראַכט,
חלום־שלום־פרינץ.
ס׳פאַלט אויף דיין תליה
שקיעה־פלאַם,
הענגסט, באַקרענצלט
פאַר דער גוייִשער וועלט,
נוצרי־זון
איך האָב גרויס עגמת דערפון,
פאַרוואָגלטער,צוגענאָגלטער גאָט,
ווי ס׳פאַשען זיך צאַפּ, לאַם און רינד —
זאָלסט מכפר זיין
פאַר בלוטיקע זינד
דעם רוצחדיקן זשלאָב.
באַדסט זיך דערפאַר
אין זונס זינקענדיקן בלענד —
אַ גיהנומדיקע שריפה צעברענט.

צעפלאַקער זיך, מיין לשון

צעפלאַקער זיך, מיין לשון
מיט וויסטיקן בראַנד,
וווּנדיקער חמה,
אין נשמה נישט אויסגעלאָשן —
ווי קעגן די גערמאַנען,
פאַר אונדזעריקע מיליאָנען,
בתוך גיהנומס פאַרלענדט.

שריי אַרויס פון זיך
אַ תנ"ך-פלוך
צו די פאַרפירער,
אויטאָקראַט-רעגירער
מיט ווערעמדיקן האַס
אין געוויסן איינגעפרעסן.

שנאה-גלות פון כעס
ביי די אונטערדריקטע,
אָטעם-דערשטיקטע,
אויף באַריקאַדן
מיט יללות, קללות,
לייב און לעבן
ברען-הבדלות,
קעגן די זדון-קאַמראַדן,
וואָס שיקן מאָרד-חיילות
פריי וואָרט צו דערשטיקן.

שאַרף זיך אוים אין אַ תנ"ך־שפּראַך,
שרפהדיקער פּאַרדרוס,
נפשדיקער פּיין,
וואַרף די עברי
דער מאַקאַברע־באַנדע,
ווי היים צעקרישלט גלאָז
אין פּרצוף אַריין.

זאָל בזיון פאַרשריבן בלייבן
אין דברי הימים:
— ס'אויסבילדן מיט כלי־זין ישמעאל־העלדן
בשנאת חינם און שפיכת דמים
עם ישראל אין ים צו פאַרטרייבן.

בזכרון איינגעדמיונט איז אַ יובל יאָרן
פון בלוטיקע טעג מהומהדיק צעשפּענסטערט,
עם־עולם־חלום אין שרעק איינגעפינצטערט.

פּאַלט מיינע חרם־דבורים ארורים,
גאַל פון קעל אַרויסגעשפּאַרט,
אויף אָן בושת־פּנים־חברים
פון אַראַב־תלינים.
זיי וועלן ווערן פון המון
מיט שטערן־בראַנד
אויף קהל־פּלאַץ
צום שאַנד־קלאָץ צוגעשלאָגן.

שאַרף זיך אוים, מיין לשון,
אין כבשן־בראַנדן,

האַרץ־וווּנדן,
זיי צעשריגן מיט פלאַם און רויך
קעגן דער כאַמולע־קאַמערילע
אויפן סטאַלין־שליאַך,
מיט שליים־שוים־ליגן
עיפּושדיק צעשפּיגן.

רייס זיך אַרויס,
אין אַ הויך געהילך,
געוואַלט פאַרגאַלט,
אַ פאַרקוילט טליִען און בריִען
צו וועלט פאַרפּיינט,
אַרומגערינגלט.

לאָמיר אַוועקפליִען
העט ווייט צו אַ פּלאַנעט,
וווּ חדווה און אהבה בליִען.
לעבנסקנויט, ווערט נישט בתוך כבשן עשן
אין אַ פינצטערן טויט איינגעלאָשן.

מירן אָרביטירן און אַריינשימערירן
אין אַ וועג געבאַנטן
אין יענע קאַנטן
וווּ פריִען און פאַרנאַכטן
זענען צעלאָכטן,
שנות־חיים אין מלכות־שמים
אָפּצורוען.

אזוי לאַנג ס׳איז אין אַל־עולם
מיט זון און צעשטערנטן שײַן
אַ חלום אונדזער אָפּזיין —
לאָמיר אַוועק פון ערד־פּלאַנעט בלוטיק איינגעראָסטן,
פאַרמחבלט פון מעפיסטאָ־שד,
אַ גאָט־פאַרלאָזטע מדבר־וויסטע.

קום אין רוים־ים זעגלען,
ווו קאָמעטן און סאַטעליטן וואַגלען,
ערגעץ אין אוניווערז,
ווייט פון ווו שטערן פאַרגלײַען,
מוז זיין אַן אָפּשפּאָר־אָרט ווו אָפּצורוען.
נישט בלייבן אין גיהנום פון מאַרס,
ווו שלאַכטן ווערן אויסגעפאָכטן.
מירן פאַרפעטראָפירן אַ נאָוויט־סאַטעליט,
אָרביטן אין ווייט אויסשפרייט,
זיין אַ פייער־אות אין קאָסמאָס־טראַף,
אַסטראַל־כתב פון בראשית־באַשאַף,
אין רקיעדיקער אויסהוילונג —
אַ לייכטנדיקער צווילינג,
אין זריחה און אין חשכה
טוענדיק אַריינהויערן
אין צייט־אייביקייט
פון געדויערן.

דער וואַטאַן־שאָטן אַפילו,
וואָס שפּאַנט נאָך אין טויטן גאָרטן
מיט מחבל־טריט, אויף פאַרגאָסן בלוט,
האָט זיי פיינט.

מ'מוז נישט זיין אַ נביא,
וואָס וועלנדט זיין ראיה
אין עתיד לבוא ווייט אַוועק
איז ראוי
בעת טעג-אַנלויף, צו זען
זייער חושכדיקן סוף.

די פאַלשע רייד
זענען גורם אַ שטורעם,
אין אויפגעראָיעטער צייט.
שקר-כמאַרעס נבזהדיק אָנגעשלאָגן,
כעס ווינטיק צעטראָגן,
חמת-בליצן אָנהייצן.

כ'דאַרף נישט פון צער און פּאַראיבל
אויפן הר עיבל קלעטערן
מיט צעקרעלטן האַרץ אויפציטערן,
אַ חלחלה-תוכחה אַרויסשעלטן.

בעת שאַרן־ענדיקן אויפטאָגן,
דורך קללה-עברי מפלה אָנזאָגן,
דער רויטער כיתה
מאַקאַברע-חברה,
מיט אומקום-שיטה,
דם שפיכה,
טייוול-הלכה,
איינגעוויסטלט אין חשכה.

דעם 22סטן פעברואַר 1969

מיט אַמבראָזיאַ זיך פאַרשיכורן

חנה ליבע!
לאָמיר מיט אַמבראָזיע זיך פאַרשיכורן —
אין פאַנטאַזיע אַוועקפליגלען
צו ווייטע פלאַנעטן,
וואָס שפּיגלען אָפּ אין רוים
נעבולאַדיקע פלאַמען,
חידושי אלוהים,
אין די בלאָ־רקיעדיקע ימען,
טוען אימה אין נשמה אויפפלאַטערן,
אַ קדושה צעציטערן.

ס׳איז זיכער דאָ אין ועד־לעד־קיום
פון אור החיים
פאַר אונדז ברואים
אין די אוניווערסאַלע פליינען
פון מלכות־שמים־טיפענישן
אַ זהר־אָרט
זיך איינצוּוווינען.

לאָמיר מיט אימה־עמאָציע
אַוועק פון אדמה־גראַוויטאַציע,
פלאַנעט מיט קין־בלוט־פלעק,
פאַרבזיונט,
וואָס באַלעסטיקט מיט חטא,
זעל פאַרוויסטיקט.

שמע־געשריי

שמע־געשריי פון נשמות תמימות אלפים
אין וויסטע מקומות אויף דר׳ערד,
אַ זעקה, צעוויימיקט,
פון הייליקע גופים אַרויסגעבלוטיקט,
האָבן די הימלען נישט דערהערט.

אַרויסאָטעמדיקע פּאַרע,
האָט פאַרצויגן זיך אין אַ כמאַרע,
שטערן צעפינקלט, איינגעטונקלט.

די צדיקים גמורים,
אומגעקומען פרום
אויף קדוש השם,
וואַנדערן, ווי זרים, אָן בטחון,
חבל־געפּלאָגטע,
זוכן די שי־עולמות
פון חז״ל צוגעזאָגטע.

האָבן תרעומות, טענות,
צום אל גואל:
נישט ווי בעלי חוטא מיט אימה
בעת גלעקער־געקלאַנגען,
אויף וויסטער אדמה,
צו דער שחיטה געגאַנגען.
געגלויבט די חכמים־רייד,
אַ גן־עדן־וועלט גילט אָנגעגרייט
פאַר זייער שפיכת דמים.

ווי אין אַ וווּלקאַן-טומאַן,
פֿאַרצערט אַפֿגענאַרט,
מיט גלאָץ-ראיה ווי גולמות,
קוקן, ווילן אַנטפּלעקן,
שטראַלזייל צום שליאַך פֿון די עולמות,
בלאָנקען אין ספֿיקות פֿאַרזונקען.
טאַפּן מיט שרעק פֿינצטערן שטרויכלוועג.

יללות-געוויין בעתן אויסגיין,
איז פֿאַרגליווערט,
אויף טרערן-חשקים אַרומגעטריבן,
הענגען געבליבן,
נישט דערגרייכט דעם מקום דערהערט צו ווערן.

דאָס הייליקע געזעמל, גלותדיק אַנגעליטן,
פֿון געצלמטע פֿאַרשניטן,
מאת צווייפֿל-שלאַנגען געביסן,
הויערן אין ערפֿל פֿאַרשאָלטן.
הימל-טויערן פֿאַרשלאָסן,
שי וועלטן אַנגעווירן.

אַזוי לאַנג איך לעב

אַזוי לאַנג מיט דם־יסורים אָנגעזאַפּט,
דופק קלאַפּט,
ס'איז דאָ נשמה נאָך,
די חושים וואַך, געדאַנק נישט אויסגעלאָשן,
אויער הערט, אויג זעט
בלוטיקע מהומה
אויף ערד־פּלאַנעט
אַכזריותדיק שטייגן —
כ'וועל רציחה־טומל
צו השגחה אין הימל
מיט לשון נישט פאַרשווייגן.

איך בן עפר ואפר,
דאַרף פּיין און ליידן
פאַרן באַשעפער פון צונג שאַרף
האַרציק אַראָפּרעדן.

אַזוי לאַנג פון שטן־שלאַנג
צו בייז און זינד אומאָנגערעדט,
ווי שאָטן־סילועט
נישט שטום און בלינד —
זענען מיינע דיבורים
געווענדט צו אלוהים,
וואָס צעשוועבט אַסטראַלן,
אין חלל צו וואָגלען,
פאַרוועבט מיט ליכטשטראַלן,

דעם אוניווערס,
כליל גדלות אַפּצושפּיגלען.

כ׳באַטראַכט די אומגעהייערע פֿייערמאַכט
מיט פּחדיקער שרעק
און פֿרעג:
וואָס פֿאַרא באַדייט האָבן מיינע קינה־רייד
קעגן שר זהר־השכינה,
וואָס באַשטערנט וויסטענישן,
איז גורם שטורעם,
צעצערנטווינט, טייפֿון צעוויכערט,
רוים אין דער לענג און ברייט
העכערט און צעשפּרייט,
טיפֿט תהום־אָפּגרונט
אין פֿינצטערנישן איינגעבלינדט,
פֿאַרדונערט מיט געהילך־שאַל
מאת וועלטאַל־שטחים,
גאַלאַקסישע מילך־דרכים?

אומוויליק גאַליק כ׳לאַך:
ווער בין איך, אנוש־איש,
בלוט, פֿלייש
פֿון מוטערלעך געבערן,
מיין אַרויפֿרוף ביטערלעך
זאָל שדי דערהערן?
פֿאַר וועמען, גרויל־קול געשריי?
פֿאַר וועלכער זכיה
צו מיר, ערד־בריאה,

וועט שר מאת פּמליה של מעלה
זיך האָבן צו שאלה צוגעהערט?

בין איך מיט מיין קינה
בחינה אַ למדוואָוו?
יאָרן מסגף־גוף געווען,
צו זיין ביכולת
מיט זיילן וועלט אונטערשפּאַרן?

איך, אנוש־איש,
בלוט און פלייש פון מוטערלעך געבערן,
בתוך רפש אויף דר'ערד,
וויל מיין השתפכות הנפש
דערהערט זאָל ווערן.
אפילו פרום באַזעלט, ווי דער בעל־שם־טוב
מיט תפילה־געזאַנגען,
וואָלט איך אויכעט
פון שטנם להכעים
אין מיין שליחות געפּעלט.

ווילסט וויסן

פון ציקל אינדיע — ניו־יאָרק
(נאָך טאַגאָר)

ווילסט וויסן,
צי מענטאַל־שטראַל,
— טעלעפּאַטיע — לבבות־גלי
פון מחשבות
איז שוין איבערגעריסן?

ניין, שאַקונדראַ!
אהבה בגילופין,
תאווה־ברען, אינטימער נשמה־ברי,
בעת וואָך זיין, ביים שלאָפן,
איז אין דמיון איינגעפלאָנטערט.
דם צעפלייצט,
פלאַם מונטערט, רייצט —
כ׳שיק דיר יעדן טאָג,
פון טריב צעטריפטן האַרץ
ליב־סיגנאַלן.
די טראַג־כוואַליעס זענען מסתם קורץ,
אין לופט־גלות פאַרפאַלן.

ס׳אומוואָר:
ס׳פעלט מיר צעהעלט אַצינד,
דער בענק־געדאַנק
וועגן פאַרשוועבטע, דורכגעלעבטע בלענד־מינוטן,

לעבנס-גלותן
מאת פאַרשווינדענע יאָר צו טראַכטן.

נשמה גלי און ברי
טראַנספעריר איך צו דיר אַוויאַטיש,
פאַטעטיש מיט נפש-טינט,
אויף פּאַפּיר איינגעפּענט,
נאָסטאַלגישע געפילן
פון די געהיימע אותיות אַרויסצוהילן —
שאַקונדראַ!

אמת, כ׳בין גראַ און אַלט,
זשיפּע מיט מיין שאָטן-קליפּה,
אין אַ מריבה-שטן-סביבה,
פראַסטיק קאַלט.
דיר איז גוט אַריבערן האָריזאָנט-ראַנד,
אין אָריענט —
בתוך קרישטאָל-שלאָס אויף קיניג-גאַס,
מאת רעות-טומל, נישט אויפגעשטורעמט.
פאַשאָן-גלות ס׳בלוט צעוואַרעמט.
גליקפּלעמל אין בליק
אומאויסגעלאָשן.

אין אָקסידענט
איז מהומה, שנאה-צייט.
ערד צעאַקערט, מיתה משונה פּאַרזייט,
מלחמה פלאַקערט.
נישטאָ דער מזל-שטאַמפּ
הצלחה איינצוזיגלען.

אַ דיסק אויסגעשליפֿן
לעבנס־בליסק אָפּצושפּיגלען.
מ׳פֿאַרמאָגט נישט אַ מין פֿאַרכישופֿטן אַלאַדין־לאָמפּ,
פֿרייד און זעליקייט אַרויסצורופֿן,
אַ זון־פֿונק־רינג,
אַ ווונטש אַרויסגעזאָגט:
פֿון זקנה־באַלאַסט ווערן אויסגעלייזט —
שאַקונדראַ.

ווי אַ געגעץ־גרויס, אין מיין הויז,
קאַניץ־ליכט ביי נאַכט, אויף טונקלער וואַנט,
בלענדלט, שווינדלט אָפּ.
מיט געבויגענעם קאָפּ, פּען אין האַנט,
שרייב איך דיר מאַת זעל־טיף, אַ בריוו.
כ׳בין עלנט אין חדר פֿאַרלאָזט,
ווינט בלאָזט שוידער־געוויין דורכן קוימען אַריין.
מסתּם אהבה־להבה־ברי
פֿון האַרץ
סיגנאַל־שטראַלן
מאַת מענטאַל־טעלעפּאַטיע
זענען קורץ —
אין מיינע סמוטנע קאַלעמוטנע טעג
ווערן אויף לאַנגן וועג פֿאַרפֿאַלן.

זיי מוחל,
וואָס מיינע וואַרעמע געפֿילן, ליבשאַפֿט־רמז,
במרומות בתוך לופֿט־כוואַליעס,
אין ווייטע מקומות פֿאַרקילן —
שאַקונדראַ.

לאָמיר שוועבן

לאָמיר במחשבה שוועבן
אין רקיע־ערבה, אויף אַוויאַ־מרכבה,
פון לעבן,
צום עתיד לבוא פליִען,
אַקעגן זריחה מאת זונען,
ווו נצחדיקע פריִען,
שטראַליק געשפונען,
איבערן הימל־גאַנג ציִען,
צום מילכוועג, צעפינקלט מיט שטערן —
אין מלכות־ספירה, שירה מאת יצירה הערן,
בתוך קאָסמישן חלל אור־החיים זען אויפגיין
עד לב־השמים.

לאָמיר אויף צענטריפוגל־עגול רייטן
צו ימי־קדם פון פאַרצייטן,
ווו צעשאָסענע ראַקעטן,
פייער־שטויבן מאת קאָמעטן,
הייבן זיך מיט כאַאָטישע אילומינאַציעס,
צו די הייכן, בתוך מדברדיקע שטחים דערגרייכן
אַ שליאַך־דורכברוך
צום אור־באַגינען,
הויערן,
ווו וועלטן ווערן געבוירן,
זען אומאויפהערלעכן
צעשטערלעכן תוהו ובוהו,
אַרויס פון כאַאָס בשלום,

אין די וועלביקע אויסבייגן
ווו ס׳צעצווייגן זיך אולטרא־מאָדערן־וועגן
פון אוניווערס,
בשכנות ווו פייער־עגולים
מיט בלאָלעכן פלאַם
וואַנדערן אַרום.
צווישן מיליאָנען שווינדלדיקן ליכט,
געטלעכע מאַכט,
בחינה זיו השכינה,
הויך, בתוך זעניט פון די הימלען,
בשלום, מיט אמונה,
אין אייביקן חלום איינדרימלען —
חנה מיינע!

אָרעם-אויסשטרעק

פון ציקל אינדיע — ניו־יאָרק
(נאָך טאַגאָר)

אָרעם-אויסשטרעק איז קורץ,
איבערן אפק-ברעג אין אָריענט-לאַנד,
מיט האַנט מיינער אין דיינער,
דופק פון ווארעם הארץ דערפילן —
שאַקונדראַ.

כ'טו אויף מויל-פּייפיאַל
בעת שקיעת-החמה
פאַרן צעשיין פון שטערן
נשמה-סאָנאַט אויסשפּילן,
אָן ראַדיאָפאָן אַפּאַראַט,
אין רוים-ווייטקייט נישט צו הערן.

פון אַ שעפערם טראָבון אַפילו
שאַל און ווידערקול,
געיאָגט במרחקים, צו חשקים,
קריק געטראָגן פון בערג-הייכן,
וואָלטן די סאָנאָרישע טענער
אַריבערן זונזינק-ראַנד —
אין יענער זייט בראַנד,
פון קאַיאָר-אויפשפּראָץ
צו דיין פּאַלאַץ נישט דערגרייכן.

מיין יסורימדיקער טרויער
פּאַרדרוס-ברויז איז:
מעלאָדיעס, וואָס גליִען
פון מיין אָטעם אַרוים,
פאַרנעמט נישט דיין אויער.

כ'שטיי פאַרן עת-ערב
ביים פּיטראַ-וואַלד
אין בלימל-פעלד
אַ קעגן מערב —
זון-בלענדט, פאַרשווינדט,
לאָזט אַ העל פייער אין הימל איבער —
קאָסמאָס-פיבער,
דויער-בענקען, זעל-צאַנקען.

כ'בין מקנא דעם פּאַסטעך-יונג,
וואָס זיין פּישטשאַלקע-וואָלעך
צו פּאַסטושקע נאָסטאַלגיש באַנג
טראָגט זיך
אַריבער די טורעק-בערג.
ס'ווערט אָפּגעענטפערט:
מאת טאָל-סטעזשקע,
מיט שאָף צו ריטשקע,
איר פריידיק הילך-געזאַנג.

כ'פאַרגין נישט דעם פויגל
זיין מזלדיק גליק —
טשוויטשערט אויף גרין-צווייגל

אַ טרילערי
צו זיין זי,
הערט קריק געפּיפּסט
אהבה־תשובה פון איר נעסט.

אונדז איז באַשערט,
פון הימל־צוימען,
דיסטאַנץ־ימען,
אויף דר'ערד,
נישט ווי כל הבריות,
ס'חיוּת צוזאַמען
אויסצופלאַמען.
פאַרקלעמט, ווייט פרעמד,
מיט מרומות און תהומות אָפּגעשיידט,
— דו ביים מזרח־תחום
בעת זון־אויפקום,
— איך אין מערב
ערב איר זינקען —
ביידע מינדערע נשמות מידע,
מיט גלוסטיש בענקען,
אינערלעכן ברי,
ציט איינע די אַנדערע
צאַנקענדיק צו —
שאַקונדראַ.

עבר זמן

חנה מיינע!
עבר־זמן פון פאַרשווונדענע יאָרן
איז אין זכרון־קבר
פאַראומעט, פון חיות־חלום אומדערגרייכטן,
מיט אַ נר תמיד נישט באַלאָכטן.
אַ קריקבליק אויף אָפגעגאַנגטענע,
אין צייטפעלד אומפאַרגאַרטנט,
מיט צוויטבייט,
פון טוי צעפינקלט,
מאת נעכטן פאַרשאָטנט איינגעטונקלט.

אומרועדיקער, אַוועקציִענדיקער היינט,
אויך נישט בלענדיק צעשיינט.

אין זין דורכגעלעבטע,
ווי פון שפין־פאַרוועבטע, אידעען, געפילן,
נישט מיט סאָנאַטעס־מעלאָדיעס אויסצושפּילן.
קאַנטאַטעס אָן טרערן אויסצוהערן.

אַז כ׳צעוויקל אין מחשבה ס׳זיווג־שטריקל,
וואָס נשמה דיינע מיט מיינער
אין אַן אינטימער קרובהשאַפט באַהעפט,
אהבה־ליידן מאת ביידן צוויטיק צעציפט,
מיט צער־צרות פאַרקניפּט,
דערשפיר איך אין האַרצבראַך
אַ שפּיזלשטאָך.

כ׳בין נישט ראוי, מיט שטראַלן אַסטראַליש צעהעלט,
אין אַ שיר דיך פאַרשפּינען,
נישט בחינה מיט זיו־השכינה באַזעלט,
נאָכן אָוועקגאַנג,
פאַר דיר מיט אָפּשיין אַ געזאַנג
אין מיין בוך צו געפינען.

כ׳זאָל קאָנען
אויף זונזוניק־שליאַך
שטרויכלעניש אויסווייכן,
בלי ספק מיט דיר אופק דערגרייכן,
צו שקיעה גענענען —
אין חשכה פון דיין אויג פייכטן,
זריחה אַריינלייכטן.
פאַרן אום־גן־עדן
מיט טרער בלינקענדיק
בענקענדיק געזעגענען ביים צעשיידן,
קיין מאָל מער ערגעץ ווו צו באַגעגענען.
כאָטש ליגן וועלן מיר בלינד באַנאַנד
נאָך ימות חיות בדלד אמות
אין בית־עולם־ערבה
אונטער מצבה
בשממה־רו
טויט איינגעשוויגן.

איבער אונדז, נישט פאַרטשירפּעט פון גרילן,
וועלן רויז, גראָזפלאַנץ,
פונגוס־שוואָמען,
מאת טויזק אַרויפטריפן, בגילופין,
פון אדמה נישט אויפקומען.

פון גיפטזאַמען, מיט פּיין אין לופט פאַרזייט,
וועלן בלומען פון קברבייט
נישט אויפגיין.

למאי האָט גורל
פון זיווג־שנירל
מיט אדום פעדעם
ביידנם ווונדן צונויפגעבונדן?

פאַרן צייטאָפּלויף
צוזאַמען צונויפגעפּאָרט
כ׳שולדיק דיר אַ חוב
אוממעגלעך מיט אהבה־פלאַמען
צו באַצאָלן.

כ׳וואָלט וועלן פאַרן פאַרפאַלן
אין די חושך־טאָלן
מיט שיין־זיפּן,
שקיעה־שטראַלן,
טעגלעך
אין דיין פאַרנעפּלטער ראיה
אַריינשעפּן,
האָבן די זכיה,
אין אַ ליד דיך מתקן זיין,
ס׳זאָל בלייבן
זיו השכינה־אָפּשיין,
ווי אין אַ תהלים־תחינה,
פאַר איינגעפינצטערטע בליקן
אין שיר וועגן דיר
געשריבן, אַריינצוקוקן.

אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט

מאת קאַשמאַר־חזיונות נישט אויפגעמינטערט,
רעיונות טיף פאַרפּלאָנטערט,
ביי צאַנקענדיק ליכט,
אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט
שווינדלט בתוך פאַרטשאַדעטן מוח
עם סגולה, חצות תפילה,
ביאת משיח־געוויין,
יסורימדיק אָנגעזעטיקט,
אומזוכה צום כסא הכבוד דערגיין,
עת רצון פאַרשפּעטיקט.

דער געזאַלבטער, אין געהאַקטע ווונדן,
בתוך גלות־מפּולת
אין אַרמילוס־שטריק געבונדן,
וועבענדיק גאולה־טרוים,
פאַר די שערי טומאה פון רוים,
ווו ס׳יויזל איז איבער וועלט צעקרייצט
און שתי וערב־עמים
מיט שפיכת דמים ערד פאַרפּלייצט —
מאת אַזעלכע געדאַנקען
איז מיין שכל באַשאָנקען
בעת לבנה און שטערן אין כמאַרע פאַרטרינקען.

כ׳ליג אין בעט וואַך,
צייל די רגעס און מינוטן,
טאַפּ דעם דפק פון די פּולסירנדיקע בלוטן,

בלאָנדזשע אין די ערבות,
פינצטערע מחשבות
כ׳פאַרטרייב.

בעת מאָרגנפרי־אויפגלי,
ווי שוואַרצע קראָען
מאַת טונקל־פאַרלאָפענע נאַכט־שעהען,
עצבותדיק באַשרייב
שורות אָנגעטראַפט,
שטן אין אייביקן געפעכט
מיט געטלעכער מאַכט
עגמת נפש פאַרשאַפט.
שעלט סטרא אהרא־וועלט.

ס׳זידט מיין בלוט

ס׳זידט מיין בלוט
אין די אָדערן פייערדיק איינגעגליט,
מאַת פינצטער האַרץ צעריסן,
הינטיש איינגעביסן,
פאַרגאָסן פון טרערן־ים
געוויין־סם,
דערטרונקען צו ווערן.

ווי קריגט מען אַזאַ מכשפה,
וואָס האָט מיט סטרא אחרא רוּף,
אַ ביינאַכט שמואל הנביא
פון אייביקן שלאָף
פאַרן קיניג שאול אויפגעבראַכט,
שלעכטע בשורה אָנצוזאָגן:
פאַר דעם חטא קעגן גאָט
וועלן אים פלישתים מיט זיין חיל
אין די בערג דערשלאָגן?

ווי אַזאַ צויבערין טרעפן,
צווינגען
מאַרקסן אויפצוברענגען,
קרעמל־לייט צו שטראָפן,
פאַר זייער שנאה, וואָס ווערט פאַרזייט
ביי די בני ישמעאל צום עם ישראל?

ס׳זידט מיין בלוט אין די אָדערן איינגעגליט,
פון צעריסן האַרץ
מאַת הינטישע ציין איינגעביסן,
זאַפּט טרערן־ים, געוויין־סם
אין זיך אַריין.
ס׳שטומפּיקט זיך פאַר די יידן־האַסער
מיין יסורים־מעסער
אָפּצוקאָסען דאָס קראָפּעווע גראָז,
אין וועלט פאַרזייט.

מאַרץ 1975

לאַשטשע מיך, לינד לופטל

לאַשטשע מיך, לינד לופטל
מאת צעוויגטן אָקעאַן.
רוח חיים מן השמים
בתוך די פּלגי המים איז פֿאַר דיר פֿאַראַן.
קושט, לייב דערפֿרישט
אין די מוטנע סמוטנע
אויסגעטרוימטע טעג,
ווו צעשוימטע כוואַליעס וואַשן דעם ברעג
פֿון וויסטן לעבן אויסגעדראָשן.

וואָס האָב איך אויפֿגעטאָן
אונטער דער זון
אויף דער פֿאַרשאָלטענער ערד ?
כ׳פּיל זיך צעטומלט,
טיף אין יאָרן איינגעשימלט,
מאת אַ דיבוק באַזעסן,
פֿון וועננות צעפֿרעסן,
לאַנג שוין מאת לייִדצייט פֿאַרגאַנגען,
געוויסן צעביסן פֿון ספקות-שלאַנגען.

לאַשטשע מיך, לינד לופטל
פֿון צעוויגטן אָקעאַן.
רוח חיים מן השמים,
מאת די פּלגי המים,
איז אין דיר פֿאַראַן.
קושט, לייב דערפֿרישט.

אין די סמוטנע, אויסגעטרוימטע טעג,
פאַרשווונדענע אַוועק.

צעשוימטע כוואַלעס וואַשן מיין ברעג
בעת שקיעה — די ראיה, אין פאַרשווומענע טרערן —
צאַנקט, פאַרלאָשן צו ווערן.

וואָס אָפּגעטאָן אויף ערד,
בעת ס׳פאַרגייט די זון
און ס׳פינצטערט אָן די נאַכט?
מיר דאַכט: געהערט טייוול
בתוך זיין אָפּל-דאָמעין לאַכט.

שטעטל זינדיקס

שטעטל זינדיקס,
בלוט באַפלעקט, אָפּגעמעקט,
ווינט פאַרבלאָז, בית עולם-חלום,
מקלט פאַר הפקרע הינט,
געפלאָגט, אַרומגעיאָגט.

וויכער בייטשט מיט גליוער-צויט
אָנגעשוואָלענע, טויט, געפאַלענע,
פון מחבלים-שכנים, מנוולים,
אין אַ לבנה-נאַכט,
נישט צו קבורה געבראַכט —
שפּייז פאַר קראָ און מייז.

שטורעם, זאַווערוכענדיק אָנגעזויפט,
אין אַ פלוג-שד-געוועט,
הויפט צעפּעכערט אָן אַ שנייבאַרג
אין מיטן רינג-מאַרק,
מאת ווייט ווייס פאַרשאָלטן
שלג-וועלטן.
איבערן שחת-גרוב,
פליגלט אַרום טרף-ראָב,
דלובעט און דזשובעט די הורג-גופים.

די היידעמאַקעס ביי די באָסקי-תרפים
צלמען זיך פאַרן נוצרי-גאָט
צו פאַרגעבן זיי איינגעדמטן חטא,

שרפים ציילן אין דער צייט,
נשמות פאַרלוירענע
פאַרן אל נקמות,
ער זאָל זיך נוקם זיין
פאַר דער זינד
קעגן קינד און קייט.

דער זקן־מקובל

מיין שכן, דער זקן־מקובל,
אויסגעמאַטערטער, פאַרביטערטער אָבל,
נאָכן חצות־אָפּריכט
ביים פאַרקאָפּטשעטן ליכט,
וואָס באַלייכט אין טונקל שטיבל
אונטערן באַלקן־ווינקל די פּאָוויאַטינע,
שפּינס האָרוואַניע, ווי זי שלאָפט פאַרשלאָפט,
נאָכן אַרומשוועבן קרבן פאַנג־נעצן צו וועבן.

דער אַלטער געבויגן, מיט פאַרטרערטע אויגן,
איינגעשוויגן טוט פאַרוויגן,
האַרץ צעוויינט, פון קינות אָנגעלייענט.

מאת סגופים, צרופים, אויסגעדאַרט, פאַרקוואַרט,
צעשוידערט, איינגעחדרט.
מיטן שאָטן־נעגאַטיוו,
אויף וואַנט פאַרגולמט איינגעפּילמט.

ס׳כאַפּט זיך פון טיף אַרויס אַ גרוילזיפץ,
יסורימדיקער וויי, אָן ווידערקול.
בתוך מוח טויכט אויף אַ מחשבה
וועגן הבל־לעבן
מאת השגחה צו בריות געגעבן.
וואָס אין חיות לויף מתקן געווען,
אָנגעגרייט צו יענער זייט,
נאָך פּטירה, און חבוט־קבורה,

נפלאות געבראַכט פון ערד־ערבה,
זייענדיק אין מעשי המרכבה פאַרטראַכט?
וואָס פאַרן שר השמים
מן החיים יוצא געווען? קדוש געשפּרונגען?
תרעומות געטאָן ברענגען,
עגמתדיקן פּיין,
פאַרן סניגור זינדיקע ווייטיקן הצטדק צו זיין.

אַזוי פיל יאָרן אין עולם התחתון פאַרפאָרן,
תהילה תפילה געזאָלט אַרויסטיפן,
פאַרן סנדלפון קרוין צו שאַפן,
האָבן אַ נשמה תמימה צוריקגעגעבן.

וואָס פאַרא שכר דערוואַרט צו קריגן,
בעת מיט עוונות
טוענדיק זיך אַרומוויגן
אָן אָבל אין פאַרטונקלטן שטיבל,
מיט שפינס אַרומשוועב,
אין איר נעץ־געוועב?

חכמים נבונים

חכמים נבונים פון פמליה של מעלה,
ענטפערט מיין שאלה:
וויפל דמיונות וועבן,
ליכטמיילן איבער די שטערן,
בתוך מרומות שוועבן,
פאַרבלאָנדזשעט ווערן —
ביז משיחן,
בורא עולם אַרומזוכן,
אין מיין שקיעה, מאַת שיפוע־הייכן,
וועלן נקודת הצהרים בשמים דערגרייכן?
סאַראַ נחת איז מיר באַשערט,
אויף שחת ערד?
באַגער, אין די מאַרגן־פריִען,
מאַת הרים, ווי בלומען בליִען,
ווי אַ וויגלקינד
מיט פאַנטאַסט־פליגל פליִען.
זען שחרית־אור פאַרזייען,
הערן האָן זון־אויפטראָג אויסקרייען,
שטרעבן, גאולה דערלעבן,
נישט האָבן געפילט,
חיות צום שאול תחתיות פאַרשפילט.
לאָמיך, פאַרן שטאַרבן,
אין שאַרבן חלום שפינען,
בתוך עליונות אַ בעסערן עולם געפינען.

זאָל מיין געביין נישט אין גרויל־שאול פֿאַלן,
באַלייכטן מיינע דבורים,
זאָלן שכינה־שטראַלן,
מאת חשכה,
בתוך זריחה הויך אויפֿגיין,
נישט מיט זינדן
אין כּף הקלע פֿאַרשווּנדן.

איך, זייגערמאַכער

פרומע מיט התמרמרות האָבן טענות צו גאָט:
משיח טוט נישט קומען,
קרומע, תרעומות פאַר הינקענדיקן טראָט,
שטומע, ס׳לשון איז אָפּגענומען,
בלינדע, מיט חשכות געשלאָגן,
טויבע, וואָס חוש השמיעה נישט פאַרמאָגן.

ביי מיר — אַ שגעון אין די בלוטן
וויל נישט רוען
ווען אַ זייגערל איך פאַרריכט.
צו באַשעהן טאָג און נאַכט,
כאָטש דאָ מינוטן און רגעס זענען מיר פרעמד,
ווי אויף בעטלער געשאָנקען העמד.
בעת כ׳טו ווערק צעשרויפן,
פעדער־אויפצוג אָפּצולויפן,
פאַרפלי איך הויך, בתוך ווייטע מקומות,
מיט יראה זוכן געטלעכע מראה,
יסוד, סוד פון זיין.

זינקענדיק פלוצעם פון אַרומשוועבן,
אַז טיר־גלעקל צעבלענדיקט, פאַרקינדיקט,
עמעץ איז אַריין פרנסה־געבן —
ווערן דמיונות צעשטרייט,
ווייט אַוועק פון עסק־גאַס,
ווו לופטבאַנען יאָגן,
געבראַזג, טומל, אונטערן הימל צעטראָגן.

בעת אויגן אין שעון איינגעלופט,
געזועז בתוך מרומות פאַרפלויגן,
כביכול ליכט געזוכט, חלומות געשפּונען,
אומגעריכט אויפגעכאַפּט,
אַ שמייכל אין ראיה פאַרשווומענער
געפונען, מיטן זינען,
אַריינגעקומענע,
סוחריש באַדינען.

---

*) זיס טייבעלע

מאַריושקאַ

מאַריושקאַ,
עדעש גאָלאָמבאָם *)
מיט בלאָנדענעם האָרשטראָם,
ריכטער טאָרטאָנס טאָכטער
פון סענט-מאַרטאָן
אין מאַדזשאַר לאַנד —
מענלעכער טרוים
פון שלאָפלאָזע נעכט.
מיידל זיס
מיט טרעסלדיקן גוף
און געאיבטע פיס
צעפלעכט דעם טשאַרדאַש-טאַנץ,
וואָס יויזשקאָ מוזיקאַנט
מיט ברענענדיקע תאווה-אויגן
פידלט אוים אויף סטרונעס מיט בויגן,
האַלט דיך טראַנסיש, אויף אָרט,
אין ריטמישן טראָט,
רייצט און צעהייצט דיין בלוט,
זידנדיק הייס,
גליט צו ביאה-זינד.

וויפל וואַסער ס׳איז פאַראַן,
העט וויט, איבער שטעט, פוסטעס, וויסטעס
וועט נישט פאַשאָן לעשן
פון ציגיינער-יונג,

---

*) עדעש גאָלאָמבאָם — זיס טייבעלע

וואָס צעפּלאַקערט מיט טענער
דיין פאַרהיפּנאָטישן שפּרונג.

כאָטש שטעקסט אַרויס אים די צונג,
ווערסטו אָבער, מעסמעריש צעמישט,
נאָך היינט צעווייינט,
אים האָבן געהאַלזט, געקושט,
זיין אויפגעבריזטן פלאָם,
איינזאַפּן אין זיך,
ווי אַ דורשטיקער שוואָם.

עדעש גאָלאָמבאָם,
סענט-מאַרטאָנס ריכטער טאָכטער,
מאַריושקאַ!

פון וואַנען קומט דער רוף?

פון וואַנען קומט דער רוף?
וועד וועקט מיך אויף
אין מיטן נאַכט?
פירט מיך ביי האַנט,
אויגן נאָך פאַרמאַכט,
איבער אָפּגרונט־שלונד,
אַ חלומדיקן בלינדלער,
לונאַ־וואַנדלער,
אויף אויסגעשפּינטער שטריק־בריק,
דין ווי אַ האָר,
פון נעכטיקער וואָר?

ווער מאַניעט מיך פון אפלה־שוים אַרויס,
באַגלייט אויף אַ זמר־כלי,
מאת מייליקער ווייט,
ליריקט אַ ניגונה,
אַ בענקעניש צו טראַכטן,
פון אַ פאַרשוווּנדענעם נעכטן,
אַ פראַכטנאַכט,
לבנהש צעלאָכטן,
מיט שטערן צעשפּרייט?

מעטעאָרן, אין דער הייך צעזייט,
פאַלן פאַרלאָרן
מיט שרפענדיקן הים,
שניידן קריעה־רים,
אין בלאָעם רקיע־הימל.

פון וואַנען קומט דער רוף?
ווער וועקט מיך אויף
אין מיטן נאַכט,
מאַת שלאָף נאָך פאַרשמאַכט,
פירט מיך ביי האַנט,
איבער אָפּרים־שליאַך —
אַ חלומדיקן בלינדלער
פון אַ חרובדיקער כרך,
אַ לונאַ־וואַנדלער
אויף אויסגעשפּינטער שטריק־בריק,
דין ווי אַ האָר,
אַ נעכטיקע וואָר?

מעשי בראשית

קדמון־אָדון, וואָס טוט זדון־פּלוינען באַוווינען,
האָט אין רעיון עולם־חלום אויסגעוועבט,
פון תוהו ובוהו־טומל,
מיט אַ גאַפּן הימל און ערד באַשאַפן.

מאַת הײדראָגען און אָקסיגען צעשטורעמט,
ימען־וואַסערן צעפלאָסן,
מיטן רוח אלוהים צעשוועבט,
ברעג נישט אַריבערגיסן.

פון זון־ און לבנה־ליכט
טאָג און נאַכט געפורעמט,
מאַת אדמה, באַשלאָפן,
געוויקס און אומפּלייט אַרויסגערופן.

מאַת עפר ואפר חיות הבריות אויפגעבראַכט,
נשמות אײנגעהויכט,
כביכול־שכל אײנגעמוחט,
דמיון הייכן,
במחשבה מעשי המרכבה דערגרייכן.
מאַגנעטישע קראַפט מיט פליגל באַהעפט,
נישט צו רוען, אַרומצופליִען,
טבע מיט פאַרעם און כמאַרעם צעשפּילט,
מרומות און תהומות אײנגעהילט.

האָריזאָנטן מיט שקיעה־פלאַם
געגרענעצט,
אש־להבה אין רקיע צעגענעצט,
מאת האָרץ פלאַנץ און שרץ
אַרויסגעמינטערט,
נפטרים און פּגרים פאַרווינטערט,
בתוך תהומות איינגעצווינטערט.
אין פאַראַכטן עולם התחתון,
חיות הבריות זיך אויסצוטאָגן
צו די חדושי השם
מאת ימי שש,
בורא מאורי האש,
פון כוכב לכת בתוך שחת,
יוצר־אוצרות, אין זיין אייבערשטן געמאַך,
אַ שבח נאָכצוזאָגן.

געזען זונשיין אויפגיין

אישמאַדאַר, נאָך אַ נאַכט-קאָשמאַר,
מסוכן קראַנק, מיט שטעקן אין האַנט,
איז פון הויז אַרויס,
איינאָטעמען לופט,
געזען קאַיאַר אין האָריזאָנט זונשיין אויפגיין.
געדאַכט האָט פיבערדיקער מוח:
ס׳נעפלט אויף אין דער הויך
פון ים אַ וואָלקן-שטראָם,
פאַרשלינגט דעם שרפענדיקן עיגול.

אַ הימל-געשטאַלט, פליגל צעפאָכעט,
נידערט אַראָפ צום חולה וואָס דעכעט קוים,
אַ דומה-נשימה.
ברענגט, רפואה-געטראַנק, מים חיים,
גליִענדיקן שלונד,
מיט אָדערן צעצווייגט, דערפרישן, לעשן,
וואָס הייץ און דורשט
האָט ס׳דם התמצית אויסגעזייגט.

פאַרמאַטערט שרעקטעג דורכגעפטרט,
איינער פון פיל משפחה,
מאת פייער-זאַווערוכע
לעבן געבליבן,
אין צעטרעסלטער וועלט,
פאַרעיפושט מיט מעשים-תעתועים,
מאת רשעים וויסט איינגעקנעלט.

פֿאַרשפּענסטערט ביזקל אייביק,
אין נאַכט איינגעפּינצטערט —
אַזוי געטראַכט בעת מאָרגנרויט,
האָט אישמאַדאַר אַ מינוט קלאָר פֿאַרן טויט,
ווען זון מאַת ים־ערפּל פֿאַרשלונגען,
איז אַ וויסטער שפּל,
מיט פיבערפּלאַם,
אויסגעגאַנגען.

מים חיים

אָזערעס און טייכן שטילע,
קילע וואַסער־שפּיגלער,
ווי ס'באָדט זון אַריין איר טאָגשיין,
לבנה און שטערן — זייער ליכט,
אין תהום פון נאַכט, פאַרטרינקען נישט צו ווערן.

בתוך אייך אין אַ דרעמל פאַרשלעפערט,
איז שאָטן פון בוים מיט צווייגן
ביים עק ברעג איינגעפּרט, פייכטקייט איינצווייגן.
גרין זיך אָנצוטאָן.
פון אייער צעכוואַליעטן ווינטלבלאָז,
רוח־חי אַרבן, נישט וויאַנענדיק אָפּצושטאַרבן,
מיט כלאַראָפיל געוועבן ערדיש זיך אויסצולעבן.

אָזערעס און טייכן שטילע,
בלענצט אויך אין זיך אַריין מיין עמקות תפילה.
נישט דערזאָגטע, האַרץ־געפּלאָגטע,
נישט אין אַ ליד אַרויסגעשריבן.
זאָל זי גלאַנצן בעת מיין שקיעה,
ווי די איינגעשאָטנטע פון רקיע,
זיין אַ שפּעטאָוונט־געבעט, נישט אין גאַנצן אויסגעדאַוונט.

איר, וואָס שפּיגלט אָפּ די פייערן פון וועלט,
און די פּוסטע וויסטענישן, פאַלש פון זונען צעהעלט,
זאָל אויך מיין שטילע תפילה, מיט צער, פאַרוויינט,
זיין אין אייך אַריינגעשיינט.
טאָמער וועט אַ מאָל אַן אויפגעוואַכטער דיכטער

אין יאָמערטאָל
זיך מיִען דעם בליאַסק אַרויסציִען
פון די איינגעגליווערטע טרערן,
וועט איינהעפטן אין זיין געזאַנג
מיט ריטעם און קלאַנג
מיין שפעט אָונט-געבעט,
ווי אַ מנחה שטילע אַרויסגעדאַוונט.
אַ סך נישט דערזאָגטע תפילה
פון האַרץ געפלאָגטע,
בעת ס׳דעמערט
אין מיר איינגעיאָמערט.

אַ בעסקידן־מעשה

צו פֿאַרחושכטע שכנים יִדן
פֿרומלעך אָפּגעהיט בתוך די בעסקידן,
צופֿיסנס דעם קאַרפּאַטן־געביט,
פֿלעגן זקנים האָבן דערציילט:
געווען אַ מאָל אין אונדזער קאַנט
אַ יאָשקע מוזיקאַנט, פֿלעגט ער אַרוים פֿרי
אין געבערג, מיט פֿידל אין האַנט,
ווען דרויסן האָט געבליט, בעת זונאויפֿגלי,
צום אופֿק־פֿייערווערק אויפֿגעשפּילט אַן אור־השכינה־נגינה,
אָן דיבורים, פֿון נשמת כל חי,
צום טראַגישן כּל־עולם־חלום.

פֿאַסטעך פֿון שאָף און ציגן
האָט זיין פֿישטשאַלקע־געפֿיף איינגעשוויגן,
פֿויער — אַקער אין פֿעלד אָפּגעשטעלט,
ריקע־רויש — זיך איינגעשטילט,
הירש פֿון וואַלד, מיט הערנער שטראַליק צעבליצט,
אָקס, פֿוקס, האָז, טרוס, אויערן אויפֿגעשפּיצט,
צו נשמה־פֿלאַטער, אימה־ציטער, אין די פֿאָלאָנינעס,
וואָס סמיק־בויגן האָט פֿון די סטרונעס אַרויסגעצויגן.
פֿייגעלעך פֿון בוים צו בוים געשפּרונגען,
האָבן מיטגעזונגען אַ לויב צום באַשעפֿער,
קריכיקס אויף דער ערד —
גריל און שפּין — האָבן שטיל,
אָן געזשום זיך צוגעהערט,
צום כּינור־געוויין,

ביים קאַיאָריקן אויפשיין,
אַ לבֿ-להבה צו די מעשה-המרכבה.

אַלע קרעאַטורן אין די הרים, הירטן פון רינדער און שאָף,
האָבן פאַרנומען די ווונדער פון די מיתרים.
פון יאַשקע למד-וואָוו,
אַ השתפכות הנפש,
צום שם-הויה,
סיעתא דשמיאָ,
בעטנדיק אַ גאולה לכל הברואים —
אַפילו פאַר שרץ-האָרץ, וואָס ווערט פאַרצוקט,
— אין אַ טרויער נגינהש אויסגעקלאָגט,
צו שכינהש אויפבלענדן,
מאורהדיק צעהעלט,
איבער די ווונדן פון וועלט.

אין ימס רוישעריי

אין ימס צעליאַפּעט פאַרכליפּעט רוישעריי,
הער איך זיין אורקלאַג, צעטראַג,
קענגן די דיברות אלוהי:
„פאַרזאַמלטע מקוות צעשוימט,
זיין זאָלן אין זאַמדבערג איינגעצוימט".

ווען כ'זע אָנגעשוואָלענע אַקוואַ־ריזן בעסיק צעכוואַליעט,
מיט שרעק אָנגעזאַליעט
פאַר בוראס באַפעל: תחום־שוועל נישט אַריבערגיסן,
ערד צו פאַרפליסן —
דערפיל איך השגחהס גבורה,
דאַוון אוים אַ שירה
בעד דעם, וואָס פאַרפירט מיין רעיון און חזיון
צו אָנהייב צייט,
ווען מאַת מבול צעשטורעמט,
האָט זיך תבל
כדור האָרץ געפורעמט.

איך, אַ מינדער־בריאה בשר ודם,
מיט פאַרטערערטער ראיה, בשעת שקיעה,
טראַכט פון גרויסן נס, גלי הים, אותות אלוהים,
וואַסערבערג נישט איינצושטילן,
ווילן אַריבער חול־חוף גבולן,
שפּרינגען מאַת ברעג קריק,
ווערן אויף מאַלעקולן צעשטויסן.

ס׳טראָגט מיין זינען אַוועק צום באַגינען,
ווען גאָט האָט אָפּגעשיידט
אויסשפּרייט פון מים
און אָנגערופן שמים.

איך, עפר ואפר,
ערדשטויב,
שטיי אין דעמערדיקן פאַרנאַכט
ביים אָקעאַן,
זע אין רקיע זון־שקיעה,
פלאַם־אָפּשלאָג אין ים,
טראַכט פון אָנהייב־טעג,
פרעג:
איז אַ מאָל געווען פאַראַן
אַ ששת־ימי אור־קרעאַטור?
מאת חושך געוואָרן ליכט?
אַ ממשות אין דברי הימים?
מאת שממות מעשי בראשית?

ישראל-לאַנד

ס'איז פאַרתנכט
אין גלוט פון מיין בלוט,
אַ להבה אהבה
מאת אָבות-לבבות ווונד,
צו דיר, ישראל-לאַנד.

אין אַ טרערן-ים איז איינגעטויכט,
פאָטערס קינות, מוטערס תחינות,
צער-אויסגוס מאת חצות,
צום שר-השמים,
עגמתדיק בענקעניש,
נאָך עיר ירושלים
נישט אין מלחמה-שאָטנס אָן איינגעטונקלטע —
מיט השגחהס פרידלעכע ברכות,
אַ שטראַליק-צעפינקלטע.

געוואָלט זען
איצטיקע שונאים, ישמעאל-שכנים
מיט דיינע אנשי תמימים
בשלוה כל הימים.
אונטער ביימער צעבליט,
חבריש איינגערוט.
פאַרשימערן זאָל ישעיהס שלום-חלום,
צעוואַכטע עמים,
פון שפיכת דם מהומות, אויסגעטשוכעטע,
— אין אים זיך קלאַמערן.

אויפגיין זאָל מאַת עם־סגולה אַ תפילה־רינה
צו אור־השכינה, צעהעלט אין דער וועלט.
ס׳האָרוועגדיקע מיִען פון חלוצים בתוך קבוצים,
מדברם אין גן־עדנס זיך צו צעבליִען,
ס׳פאַרזייען פרוכטיק געדייען.

ס׳איז פאַרתנכט אין מיר מאַת דורות לבבות
אהבה־בראַנד צו דיר, ישראל־לאַנד,
נשמה איז איינגעטויכט אין אַ טרערן־ים
פון אָבות־קינות, תחינות חצות־אויסגוס.

כ׳וואָלט וועלן נאָך אַליין, בליק מאַת גליק פאַרטרערט,
בעת שקיעה,
באַטרעטן דיין הייליקע ערד,
שעפּן זשמעניעס טראָפּן זוניקן טוי פון סאַפראַן־גראָז,
וואַשן די פאַרנעפּלטע אויגן,
איידער כ׳פאַרלאָז עולם־התחתון אויסגעמוטשעט,
און ס׳ווערט ראיה מיט טויטלעכע בעלמעס פאַרצויגן —
גואל ישראל!

פון שלאָס אַרויס

פון ציקל אינדיע — ניו־יאָרק
(נאָך טאַגאָר)

כ׳בין פון טעמנע שלאָס
בעת אַסטראַל-נאַכט
אין גאָרטן אַרויס,
געטראַכט:
די פּלאַנעטן-שטערן,
מסתּם וווין-מקומות,
וווּ אונדז איז נישט באַשערט געווען
אין איינעם במרומות געבוירן צו ווערן.
מיט סדום-ברואים רשעים
געשפּלט אויף ערד, פאַראַפּלט צו הויערן.

מיין פאַנטאַזיאָר-דינער, ראַכמאַדאָר,
היט מיינע טריט געטריי,
סקריפּענדיקע טרעפּ אַראָפּ.
שפּרייט לאַמטערנס-שיין בתוך בלינדער אַליי.

זאָגט: בתוך קאַלטן עולם התחתון
חיות רעות לעבן פאַרצוקט
אפילו שפּילפייגל מיט מתיקה-טריל
אויף בוימצווייגל, זשוק און ווערעמל פאַרשלינגט,
ווערט אויך מאת רויב-עוף אומגעברענגט.

כ׳בין חצות
פון שלאָס טורעם,

נאָך עוסק זיין אין פּיוט־ספרים,
אין גאָרטן אַרוים,
מרום צעלאָכטן באַטראַכטן.

ס׳ציט מיין ראיה צו רקיע
אַ טיף איינגעגליט גלויבן,
בעת מיין קיום מלכות שמים צו לויבן.
כ׳בלייב אָבער שטום פאַרגאַפט,
אָן פרום־לשון באַטראַפט,
נישט ביכולת
רוחניותדיק אַרויפוועגדן
עפר ואפר, צו ערד געבונדן.
פיל זיך צווישן ווילדגראָזן,
ווי אַ פאַרוועלקטער בוימשטאַם
אין אַ מדבר־טונדראַ,
איינזאַם פאַרלאָזן —
שאַקונדראַ!

ראַכמאַדאָר, דערשלאָגן, טראַכט:
כ׳בין פון זינען אַראָפּ, שאָקלט מיטן קאָפּ.
סענסיטיוו געוויסן
טוט אים פלאָגן,
אין האַר טאָגט אום־דעת משוגעת,
נשמה־אימה־ציטער,
מאת מרה־שחורה־מורא.

מיין ראיה טרערט,
אַ שוואַרצע בין שווימט הין און קריק,
שטערט אַרויפבליק.
אין אָפּגעשלאָסענעם, פאַרגעסענעם שלאָס,

איז ס׳חיות פוסט, וויסט,
דרום גיי איך נאָך חצות,
אויף טונקל אַליי אין גאָרטן אַרויס,
צעשפּרייט די הענט אין לופטן,
ווייט מיט הימל־צעפּינקל זיך באַהעפטן.

כ׳שטיי שעהען לאַנג, פאַנטאַסטיש פאַרטראַכט
ביז דרויסן טוט גראָען,
ס׳לעשט זיך ס׳אַסטראַל־ליכט, האָריזאָנט בלייכט,
צערויטלט זיך מיט פלאַם גיהנומדיקער טאָג־אויפקום.
שלייך איך זיך קריק אָן טרוים צו היים.
הער מיט פאַרדראָס ראַדיאָ־צעטראָג,
מלחמה־מהומה, בלוט־פאַרגאָס.
נעם פען און פּאַפּיר אין הענט,
וואָרט נישט קלייב,
שעלט און שרייב:
אָריענט און אָקסידענט,
מאָרדוועלט ברענט!

בין ווייטער עוסק אין פּיוט־ספרים,
זוך חקירות צווישן שירים־שורות,
געפין אָן זין דיבורים,
אויסגעדראָשן,
מאת חזיונות־רעיונות
לאַנג פאַרלאָשן —
שאַקונדראַ!

עצבות־ליד

מעגסט בעת מאָרגן־שימער,
האַריזאָנטיש צעפייערט, איינגעגליט,
מיט מידן האַרץ־האַמער, שמידן ס׳קינה־ליד,
תרעומות־געיאָמער פון אורמאַמעס
אין בלוט יסורימדיק איינגעזידט,
נפשדיק באַצוווּנגען
אומשירהדיק ווי אַרויסצוברענגען.

זאָל דיין לייד־רייד־פּאַרע,
אין אַ כמאַרע
פאַרקילן,
הימל־זריחה בתוך חשכה איינהילן,
ווינט צערויעט, מיט ציקלאָניש געוואַי,
ברעכט בוימצווייגן,
צעחרבהט דעכער,
נישטערט פינצטערע בוידעם־לעכער,
אַזוי דיין נשמה־אבלות,
וויכערדיק אויפגעטראָגן,
טוט שחת־זאַווערוכעס צו מרומות אויסקלאָגן.

ס׳ברויעט אין דיר אַ שאַקאַל־קול,
רייסט זיך ווילד פון קעל.
נישט צעטרילט ווי די עזות־פּנים־פּיטנים,
שקיעה־בלענד
זייער ראיה צעברענט,
ווערן בלינד באַדינט

מאַת סריסים, חטאים, רמאים, משחיתים,
מיט חנופה־לשונות,
ווי האַרעם־זונות —
בעל אוב ריטער,
נאָך בעת טראָגן האָט מוטערס ווייטיק
סם אין דם איינגענעסטלט,
גיפטיקע צרות אַרויסצוזאָגן.

פון קינדווייז אָן איז דיר באַשערט
פאַרטרערט קלאָגן,
קאָפּ אין וואַנט שלאָגן.

ביי בריסט נאָך, מיט גרימיקן בויכפּיין,
מאַת מאַמעס געריננענער זויערמילך,
אין אַ פינצטער דלות־מפּולת,
טאָג און נאַכט
האָט הילך געשרילט דיין געוויין.

נעמט נישט פאַר אומגוט,
בעת בוימבלעטער גרינען,
ס׳אָנקינהן אַ פּאַראָסיענט וועלקענדיק ליד,
נישט מאַיאָוויש צעבליט.
יעדעס אות מאַת פאַרזשאַווערטער פען אַרויס,
בלוטיקט —
השתפכות הנפש,
אין שברת הלב צעווייטיקט.

מוהל

וויל איר, באַאַבלער פֿון־פינה־סקריבלער,
זענט ווילק גרייט,
ווי מיט בלומיקע קרענצלעך,
מיט תהילה־מאמרות אין דריבנע לאַמענט־שורות,
מיך אָרור־משורר באַשוּוענצלען —
בין איך מוהל, הײליק לויב
נאָכזאָגן,
אומגעקאַרגטע, פֿאַלש־געבאַרגטע טיטולעטן,
העליקאָן־הויכקייט גרייכן,
צו פּעגאַזס פֿאָעטן פֿאַרגלייכן,
נאָכן לעבן שבח מיר אָפּגעבן,
מיט אַ שוואַרץ רעמל באַצירט,
אין אַ מוות־קאָלום פּובליצירט,
לויהש נאָכקלאָגן
פֿינצטערע פֿלאַפֿלערייען,
אין ליכט־אײביקייט אײנטאָגן.

לאָז נשמה מײַן
בנצח־דויער, אין גראָען טרויער רוען.
גוף בתוך אדמה טיף אומרעזורעקט
מיט ערד־פֿלאַכטע
בתוך חשכה אײנגעדעקט זײַן.

— מרירים־דבורים
אין תוהו ובוהו
מאת שברת־הלב־שואה אויסגעשריגן,
בלייבן טעמפּיק פֿאַרשוויגן.

ווילד גרעזל נישט מיִען,
מאת קבֿר זיך צעבליִען.
פֿאַר תחית־ראַצן,
סם־שוועמל קעגן הימל,
מיט גליטער־פֿלאַם אַרויסשפּראָצן.

מוות־דלד־אמות
פֿון מיר זקן־נאַר
זיי זאָלן פּוסט, מדבּרדיק וויסט, טרוקן,
אָן תּיקון
געענגט, פֿאַרקרענקט,
אין גרוים צער אויסגעצאַנקט.

בין־השמשות־תפילה

ווי מאַמעס תחינה אַרויסגעטרערטע,
מאַט איר משונה־לעבן אַ באַשערטע,
גייט אויף מיין נשמה שטילע,
מרה־שחורה־תפילה —
אַ ביטער ליד פון בלוט צעבריט.

כ׳ווער גרייז־גראָ במחשבה געטראָגן צו יינגלווייז,
שבת פאַר נאַכט,
בעת פאָטער האָט ידיד־נפש־זמירה
טרויעריק אָפּגעריכט,
מוטער — אליהום משיח־בשורה
געטאָן אָנזאָגן.
מיט וויינענדיקע קינות,
ביידנס פיינענדיקע לייד,
מאַט טונקלהויז,
פאַר שטערן־צעפינקל אַרויסבאַגלייט.

כ׳פלעג זיצן אין אַזאַ שעה,
פאַרצערט געטראַכט:
פון האָריזאָנט, הימליש צעברענט,
מעשהדיק באַשריבן,
דאָרט ווערן רשעים נאָך שבת־רו
אין גיהנום,
פאַר חטאים קריק געטריבן
בתוך פלאַמען אָפּצוקומען.

ווי דאָן אין קינדישן געמיט,
איז מיין קדושה־ליד
אַ בכיה אַרויסגעכליפּעט,
מאת האַרץ צעדראַפּעט,
ס׳אַרויפּאָבלען
בעת דעמערונג מיט פּיין,
האָבן אַ ממשות
די פּאַראיבלען,
מיט יענעם בין־השמשות.
אַ השתּפכות הנפש,
נאָכן זון־פאַרשיין.
כ׳דערפיל אַמאָליקע יוגנט־וווּנדן,
בעת זיצן אין דער טונקל פאַר נאַכט
ביים שבת אָפּריכטן
איידער שטערן־צעפּינקל
פאַרן ליכט־אָנצינדן.

חז"ל־קבלה

לויט חז"ל־קבלה, אין ספרים איינגעבלעטערט,
איז רוח־אלוהי מלא צעוויטערט
איבערן וועלט־געשטאַלט.

די מעשי המרכבה —
אַסטראַל־פייערן אָרביטיש צעוואָגלט
ווערט אין אנושי מחשבה אָפּגעשפּיגלט.
די יראי־שמים קוקן אַריין
אין דער השגחה־זריחה,
זענען מיט שבח קיום מתקן.

געלויבט איז דער בזכיה,
וואָס זיין רוחני־ראיה
דרינגט אַריין
בעת צעפינקלטער נאַכט
אין דער שדי־חידה,
נשמה פאַרלירט הימלישע אימה,
פאַרוועבט זיך בתוך אָפּזיין
מאת אין־סופיקן צעשיין.

די השגחה
איז במדרגה,
מיט דמיון צעוואַכטן בתוך געטלעכקייט
אַריינצוטראַכטן,
האָבן דורכגעפילט, ווי אין חלום,
הויה־חיות מאת כל־העולם,
אין געהיימנישן איינגעהילט.

ווייל איז דעם איש תמים,
וואָס בשלמה טראַכט,
זיין באַנג אַרויפגעזאַנג
מוט די אייבערשטע ליכטהייכן דערגרייכן,
האָט בטחון אין משיחן —
נביאישע ברכה והצלחה באחרית הימים.

אַ בענטשונג דעם כביכולדיק פרום,
וואָס האָט אָפּגעקערט פון זינדיקער ערד,
אַרוים מיט הבדלה־ליכט
צו אויסגעשטערנטער נאַכט
איז מחדש און מקדש
ווייט־רקיעהדיקע גרויסקייט
מאת אדושם אלוהים.

פּאָרטיפּאַס שחרית־געבעט

בעת קאַיאָר טאָגט,
באַקלאָגט פּאָרטיפּאַ דעם יאָמערטאָל מיט אומצאָל טויטע,
דמיונט פון רויטן טוי און רעגן,
אויף צעאַקערטע מלחמה־פעלד און שטעגן,
איז געווענדט צום בורא מיט מרה־שחורה־לאַמענט,
ווען די טייוולישע פלאַמען,
משונהדיק צעאָדערטע פלאַקסן,
ס׳מהומה־בייז פון אדמה אַרויסוואַקסן.
שטנם להכעיס־נחת,
פון כדור ארצם בלוטיקן אָנזויג.
זאָל די הריסה הרג־רב מיתה,
גרייכן דיין הימליש אויג.

למאי, האַר,
מיך אויף קאָשמאַר־וויסטעניש געבראַכט
דערווידער־ווייען אַרויסשרייען
איידער ס׳איינפינצטערן בתוך אומענדלעכער נאַכט ?
דאַרף איך אין געוואָרף פאַרן טויט
מאת יסורים ליפּן בייטן,
בעת שקיעה, במקום נשימה קריעה,
האַרץ־צויטן רייסן,
ווּנדן אירע אָנצינדן ?

איז נישט פאַראַן צווישן די שטערן
אַ כוכב־לכת אין עולם־רעאַלם
פאַרן מענטשלעכן מזל,

נישט מאָת ערדם-עזאָזל
ווערן רעגירט, צום שאולם עקידה געפירט?
האָט בן-אָדם נישט געקאָנט זיין
ברכה אונטער דיין השגחה,
במקום קין-בזיון,
מאָת אַלע וועלטן פאַרשאַלטן?

באַפריי מיך, האַר, פון דעם דיבוק-צער,
אין מיר איינגעקליפּהט,
כ׳בין גשמיותדיק פאַרשטריקט
צו ערד, מאָת מלחמה צעשטערט,
איידער איך פאַרגליווער צעגאַלט,
מיט קללות און חרמות
פון נשמה צעקרעלט.

גיב מיר פליגל במחשבה
צו גאַלאַקסישע מקומות פליִען
ווו דיינע אש-להבה-רעיונות צעפינקלט
אויסשטראַלן ליכט,
קיין מאָל פאַרטונקלט פון נאַכט.
שענק אַן אַוויאַ-זעגל
צו שיפלען איבער ים-תהומות
בתוך שכינה-מרומות,
חלומות שפּינען,
צווישן ווייטע שטערן רו געפונען —
נישט אין שממה-אדמה פאַרחושכט ווערן.
לאָמיך גלייביק בחזיון אַריינשוועבן,
צום אייביק לעבן,

אין מיין אחרית-הימים —
אלוהי עולמים.

אויף זריחה חדושי דשמיא כוואַליעס שווימען,
בענטשן בקדושה דיין הויה-נאָמען.

פאַנדוראַ זאָגט

פאַנדוראַ זאָגט:
כ׳בין אַרויס פון שאול נאָרע
נאָך אַ סדומיקן שלאַקסרעגן
אַראָפּגעהאָגלט מאת אַ געפייערטן נעפּל,
פאָספאָר און שוועבל
אין ציקלאָנישן געפלוג.
מיט פאַרהושכטן זינען
געזוכט ליכט צו געפינען,
אָנגעטראָפן נפולים מאת וואפן
אויף צעמרוזשעטע שטעגן.

געוואָגלט אין יאָמערטאָל
פון פאַרשאָלטענע אָן צאָל,
נישט באַגראָבן, פאַרקראַקעט מאת ראָבן
אַרומגעקרייזטע צעפלויגן
אויסצופּיקן פאַרגלייזטע אויגן.

נאָכן אויסלאָד פון שטורעם
דורכגעיאָגט
מאת צפון צו דרום, לאָזנדיק וויסטונג־שרעק,
קאָשמאַרישע פּלאָג
בתוך שאַרײַען אויף טאָג.

כ׳בין אַרויס פון פינצטערהייל
צום צעוואַלגערטן גרויל
נאָך בהלה־נבלה,

דורך ליפּן אַ קללה אַרויסשיפּען
אין קאַיאָריקן באַגינען,
אַ תוכחה פאַר די אומגעקומענע
פון נשמה־פלאַמען אויסשפּינען —
איז לשון אַנטרונען,
צום אַך־און־וויי־בראָך.

געדאַנקען זענען נישט פונקען
אין געהירן
מיט פלינט און קרעמען
פון הארץ־געשווירן,
מר־מרירה פאַר מיין פּטירה בעת קלאָגן אויסצושלאָגן.
כ׳שפּאַן אין וויסטן חלום,
אַ שוטה בתוך עולם התוהו־שואה,
צווישן טויטע, פאַרשוויגענע,
אַ מאָל פחדיק־צעשריגענע,
משוגע פאַר דער הריגה,
איצט ווי פון צעאַקערטער ערד
אויסגעשפּיגענע.
בעת ס׳ווערט פאַרקרימט און פאַרשטומט מיין מויל
צום גאַליקן אומגעשריי־וויי
אין מיר צעזידט, אַרויסגעבריט.

פלאָג־אָנזאָג

ראַדיאָס הורג־רב פלאָג־אָנזאָג
וועגן וויעטנאַם־שלאַכט
טראָגט מיך אַוועק פאַר נאַכט
וווּנדיק פאַרצוגט צום ים,
בלענדיק צעצונדן,
מיט כוואַליעס רויטע,
ווי דם מאת טויטע שוימיק,
זיך וויגן —
כ׳האָב אַ קללה קעגן אשמדאים
מלחמה־בהלה
צום האָריזאָנט אויסגעשריגן,
געשפּאַנט צעטומלט
מיט פאַרטערערטער ראיה ביים אָקעאַן־ברעג,
זון־שקיעה פאַרן איינטוּיכן
צו אַ זינקענדיקער שרף־שיף פאַרגליכן,
דערפילנדיק דאַביי
נשמה־אימה וויי.
פייערדיקע רוט בייטשן מיין בלוט.

ס׳לעשט זיך לעצטער שטראַל
בתוך ים אַריין,
כ׳טו פאַרביטערט
דורך לעפצן אויסזיפצן,
ווייטאָג־קלאָג,
ס׳פינצטערט אין מיר
מרה־שחורה־פּיין,

בלייב לאַנג פאַרטייעט שטיין,
איינגעשטיינערט,
פאַראימערט,
איינגעדעמערט אין זיך.

יוילקע פעסימיסט

יוילקע קאַיאַר צעשרעקט,
פון אַ קאַשמאַר דורכגעוועקט,
דערזעענדיק דורך פענצטער האַריזאָנט צעברענט,
געשפענסטער־אָפּבילד
מאת צעגיהנומטער וועלט —
פאַרקללהט ער ערד
נישט צו געבערן,
קראָפּעווע פלאַקסן זאָלן אויף איר נישט וואַקסן,
פאַרחרובטע מאת פייער און שווערד.

חושכדיקע רייד
זענען ווי פּלעווע אין ווינט פאַרזייט.
קלאָג, ווי פון אַ בליץ דונערדיק דורכגעטראָגן,
וועט מהומה־מלחמה־וואָלקנס נישט צעשלאָגן,
וואָס האָגלען מיט הריסה, הורג־רב־מיתה.

יוילקע פעסימיסט,
פאַרן פאַרצאַנקען,
וויסט בתוך שאול תחתיה איינצוזינקען,
דאַרף נישט פאַרסאַזשעט מרה־שחורה־גלאָז,
צעדראָזשעט פון פאַרדראָס־ראיה טונקלען,
מיט עגמת־לייד,
דורך פינצטערע אויסגעדראָשענע, פאַרלאָשענע רייד
שואה ובוהו באַקלאָגן.
אַ מאָל צו עולמות עליונות געפלויגן,
איצט אָפּלניש אין די אויגן,

שטייט ביים פענצטער צעטומלט פאַרצאַפּלט,
נישט ביכולת אַ שפּאַן אַרויס
פון מפּולת-הויז.

שעלט פאַרגאַלט, מיט נשמה פאַרסמט
אָפּלויפנדיקע טעג,
מאַת מלחמה צעפלאַמט,
וואָס שרעקלעכן אָוועק ווייט
צו פוסטער, וויסטער אייביקייט.

גערטראַס ליידן

גערטראַס ליידן שיידן אוים
נשמה־סאַזשע, עגמת־דראַזשע,
בעת דמיונדיק איבערוועבן
איינגעשלימערט פאַריאַמערט לעבן.
אויגן־פייערלעך אויסגעצאַנקט,
פנים איינגעקרענקט,
גוף וויסט, מאת יסורים־לאַסט געבויגן.

אַלץ פאַרלוירן, וועלטן אַנגעווירן,
שטייט אַליין, שפּלדיק־נפלדיק,
פאַרמרה־שחורהט, מיט רוחני־וווּנדן,
פאַרן קבר, בעת שקיעה, אָן אַ תקווה־שטראַל
בתוך מוח אָנצוצינדן.
אַ פאַרמאַטערטער, איינגעביטערטער,
פילט ס׳רויט־פּליסיקע אין האַרץ,
נאָכן טויט וועט פאַרגליווערן שוואַרץ.

זעט אדום־שדים־טאַנץ
אין קריק־בליק אָן גלאַנץ.
אינערלעכע קעלט גרוילט.
סאַראַ גסיסה־מיתה שולדיקט ער דער וועלט?
איז אַ נישט דערזאָטענער תחינה־פּיין פאַרבליבן,
מיט טרערן אין אַ קינה פאַרשריבן,
דיבורים בתוך ספרים, פאַרנעפּלטע, איינגעאָבלטע,
מויליק צעפּרעסן, לאַנג שוין פאַרגעסן?
סומנע, טעמנע,

מיט נשמה-פּאַכען ס׳דעכען.
זאָרגן-שפּילקעס שטעכן אין ריפּ,
טרויערן האַרבע אין האַלדז וואַרגן,
שטיקן דעם זקן.
וואָס פאַראַ זינד איז ער באַגאַנגען,
זיך ביים שטאַרבן אַ קרבן צו ברענגען?

דלות-חיות פאַרשווענדט,
אַלץ אונטער זיך פאַרברענט.
פאַרוים סטעזשקע וויסט, פּוסט,
אָן אימה צו ווערן אין אדמה
פאַרשימלט איינגעזאַמלט.
נעטראָס לייד, נשמהס פּאַזשע רייד,
עגמת-דראַזשע, אַנגסטן-בראַך,
עצבות-סקרוך שווידערט דורך גוף.
ראיה אין זיין שקיעה אָן ליכט
טויט-פינצטערניש צעשיינען —
נישטאָ ווער זיין סוף צו באַוויינען.

אין בלינדער נאַכט

בתוך קאַרפּאַטן־געבערג,
ווו הארמאַטן האָבן לאַנג שוין
צינדער און בליי אויסגעקנאַלט,
אשמדאים פייערווערק בעת מלחמה־טעג
אַוויאַטיש צעפליגלט דונערדיק צעשאַלט
אַראָפּגעהאָגלט
אויף וויסט־פאַרוואָרפענעם מאַרמוט־העק.

אין אַ פּאַרלאָזט פּוסטיניע־הייזל,
ניטל־נאַכט שפּעט,
זיצט באַבוניע אויף צעבראָכן בעט,
איינגעקאָרטשעט, פאַרטראַכט,
באָזשעט צום יויזל רויט פאַרקאַניצט,
סקרוך ציטערט דורך מאַרך און בלוט.

אַ מייזל גריזשעט מפולת־דלות,
אין חושך איינגעטרויערט;
גריל פאַרטשירפּעט רגע און מינוט.
ס׳מוחיש איבערוועבן פאַריסורימטן זין
מאת איר פאַרמוטשעט לעבן.
קינדער אין שטיבל געבוירן,
בידנעדיק געכאָוועט,
בעת פלאַמיקער מלחמה פאַרלוירן.

ס׳פענצטערל, וויסט מיט פראָסט פאַרקאָוועט
אין דרויסן זאַווייען צעוואָיען

איר עזאַזל-מזל,
פֿאַרווינטערט,
בתוך כאַלופּע איינגעצווינטערט,
באַוויינען פֿאַרלאָפֿענע טעג,
פֿון דער באַבע ביי נישט געהייצטער הריבע.
בעת זי שלוכצט פֿאַרביטערט,
אין קעלט איינגעציטערט,
קעגן יויזל-בילד.
אין איר בליק טויטשרעק.

זאָל אַ הערמיט
פֿון ברית חדשה
יעזויִטישע שמייליקייט פֿון צעלט פֿאַרטרייבן,
אויף פֿאַרמעט
שנאהדיק פֿאַרשרייבן
יללות און קללות
מאת אַ חולה זקנה
אין מפּולת-הייזל איינגעדראָזשעט,
פֿאַרן יויזל צעבאָזשעט,
מיט פֿאַרצרהט געזיכט
ביים פֿאַרקאָפּטשעט ליכט,
בעת צלם-עולם
צום נוצרי-געבורט
ווייט בתוך קלויסטערס צעקלינגט,
לויב שירים זינגט.

שטורעמס אין די הרים
געשפּענסטערדיק רופֿן צו אַ וויכערשלאַכט
אין ניטלנאַכט,

ווי די אַלטע אין דער טונקל
טראַכט פון די קברים
פינצטערדיק פאַרוואָרפן
אויף דער ערד,
איינגעגליווערט אין קעלטן,
מאַת זאַווערוכעס פאַרשאָלטן.

בין־השמשות־בילדלעך

1

שקיעה־צייט
קעגן תיפלה־הויז
אין דרויסן ווייט
איז נוצרי־יויז אויף תליה־קלאָץ פאַרדאַמט
זוניק צעפלאַמט,
גלאָצט צו די קלויסטער־שויבן אויבן
מיט בלענדיקע במות־שייטערן,
ווו זינדיקע נשמות זיך לייטערן.

נאָנעם קניִען אין שטויב פאַרן געצלמטן,
בלוטיק געשענדט,
הענט צעפליגלט,
צום שתי וערב צוגענאָגלט,
ווו וואָראָנעם קראַקענדיק אָנפליִען,
נאָכן רויב אָפצורוען.

2

אויף פעדעסטאַל, פאַר נאַכט,
ביי קרעמל־וואַנט,
פון רעפלעקטאָר באַלויכטן,
מאַרקס מיטן קאָמוניסט־מאַניפעסט אין האַנט,
איז טרויעריק פאַרטראַכט.

ס'טוט דאַכטן:
ר'זעט אין אַ צעקרימטן שפּיגל
פּראָלעטאַריאַט־גרויל
אונטער תּפֿיסה־ריגל,
שלאָס אויף פֿאַרשטומטן מויל,
הערט דברים אחרים מאת סטאַלינס חברים.
במקום ברויט־פּאַרזיי צו זאַט,
שמעלצט מען אוים געצייג און בליי,
קין־כּלי־זין.

3

אַ פֿאָעט אין שאָטן פֿון אַ בוים,
בעת שקיעה, ראיה מיט טרערן פֿאַרלאָפֿן,
חיות־טרוים אָפּגערעשט, אוים.
דער סופֿר וועט אין עפּר־שוים
איינגעאַשט ווערן.
זיינע שירים
הבל־דיבורים, סטראָפֿן בתוך ספֿר וויסט —
צעריסן, פֿון מילב צעפֿרעסן,
פֿאַרוואַלגערט אין מיסט.

4

אַ בין מיט געזשום
פֿליגלט אַהער, אַהין,
אין פֿעלד שטראַליק צעהעלט
אַרום צעפּאַטלטער בלום,
פֿלאַמיקע־רויטע

פאַרשיכורט מיט איר ריח ניחוח —
פאַרפּלאָנטערט זיך בעתן געשוועב
בתוך שפּינגעוועב,
גלימצערדיק פון זון
און פאַרציטערט צום טויט.

5

אַ שמעטערל, אין זוניקן פּלאַם, לעבן אַ ריטשקע,
זייגט זיך אָן מיט ווילדרויז־סם.
אויף שקיעה־סטעזשקע־בלענד
בתוך בלאָקייט הויך
צו רקיע פאַרשווינדט
דמדומים־צייט.

זונפאַרגאַנג

צעבלענדטער מערב־האָריזאָנט
ביים אָקעאַן־ברעג,
דערוועקט שרעק.
שקיעת־פלאַם
און צעפלאַקערטער ים —
גיהנומדיק באַהעפט —
ראיה פאַרגאַפט,
זון, ווי יוחנן־המטובלס קאָפּ,
זינקט בלוטיק טריפנדיק אין געברען אַראָפּ.

פון וויטן בתוך הימלישן פלוין,
סאַלאָמע — אַ להבה מרשעת
בשעת איר תאווה־משוגעת,
אין אַ דעמאָנישער קראַנץ־קרוין,
וואַרפט פון זיך די שלייערן
אין די אופק־פייערן
צום פאַרשייטן לילית־טאַנץ.

כ׳שטיי מיט נפשדיקן וויי,
גליווערדיק פאַרשטיינט.
דרויסן טונקלט,
לבנה, פון נעפל אַרויסגעגרויט,
טויטבלאַסלעך שיינט.

אין נשמה — אַ בענקען
צו שימערדיקע שטערן,

וואָס מערן זיך מיסטיש
און געהיימיש ווינקען.
כ׳וועה במחשב
בתוך מעשי המרכבה פאַרטראַכט.

בראשיתדיקער גאָט־סוד
ביליאָנען ליכטיאָר
אין זייער פייער־טור
אָרביטיק וואָגלען,
כל־עולם־חלום
פּאַטאַליש אָפּשפּיגלען.

מיינע זמירות

מיינע זמירות, אותיות געטינטלט,
אין שורות איינגעפינטלט,
נישט האַרמאָניש פּאָעטיש,
פון זעל־טיפן, סאָנאָריש אַרויסגערופן —
געפילן אויף פידלען אויסצושפילן,
מיט פייפיאָלן צעפייפן.

די דיבורים פאַרכריפּנעט,
צעבריטוועט שאַרף —
נישט פאַר זינגער אויף האַרף־מיתרים,
צי קלאַוויריש־ליריש —
פינגער פאַרבלוטיקן.

שפּראַך אומפרום צעבריט,
נישט נביאיש,בריהש,
ווי פון תנך אויסגעשמידט
אין גאולה־פלאַמען
מאת אַ בעל־שם
פאַר יחידי סגולה צו פאַרנעמען.

ס׳שלומערן אין מיר
איינגעחלומטע נשמה־שרעקן,
וועקן דם־התמציתדיקן פולס־צעטראָג.

ס׳טוט מיך טרייבן
דברים בטלים אין ספרים פאַרשרייבן.

רעיונות,
מחשבות רעות איינגעוונט,
האָבן פון זיך אַרויסגעדאַוונט.

ס׳פּרעסט שווער אַן אימה
בתוך נשמה,
ס׳צעשפּליטערט מיין מוח,
כ׳פיל זיך עלנט, אַליין,
קעגן אל-געמאַך שוואַך,
מיקראָסקאָפּיש קליין.

מיין פאַרטונקלט ליד

מיין פאַרטונקלט ליד
מאַת וויטיק האַרץ אַרויסגעבריט,
נישט מיט בלענד צעפינקלט,
איז טינטיק שוואַרץ, פליסיק אָנגעפּענט,
אַ פּאַרדראָסיק געפּריר אויף באַבולאַ־פּאַפּיר.

יעדעס וואָרט, פאַרביטערט,
נשמהדיק אַרויסגעציטערט,
וויסטער גרויל מאַת אָפּגרונט טיף,
עגמת־נפשדיק אַרויסגעוויינט,
ווי ליכט האָט ווענס נישט אַריינגעשיינט.
ווער וועט, מיט אַ לאָמטערן־לאָמפּ,
אַראָפּטויכן, פּערל זוכן אין דעם טרערן־זומפּ?

נישט אַ שכינה־סטרונע
איז אויף מיין לאַמענט־אינסטרומענט אָנגעצויגן,
אַרויסצופידלען מיט זילבן־בויגן
אומגעריכט אַ ליריש געדיכט.
יעדער קלאָג דורך קוואַל־פעדער־זאָג
איז אָן פלאַמען, וואַסערדיק צעשוומען.
כאָטש ווער משוגע,
זאַמל צונויף האַלאַדריגע־קאַפּעליע
פון שיכּרות־קאַמערן
מיט טומל־טראָמבאָנען, באַראַבאַנען און באַסן,
יסורים אויף מיתרים אויסיאָמערן.

רופן שדים פאַר בני־אָדם אויסצופּייפּן, ווי זאַווייען,
אינערלעכע גאַל געשרייען?
סקאַוווטשען, ריטשען?
כ׳בין מקנא די האָרניט־בין,
ס׳משונה צעטראָגן אַרומפלאַטערן,
אויסנאָגן פון פלאַקס־געוויקס
ביטערן גיפטזאַפט,
טרויריק זשומען און פאַרשטומען.

וואָס טאָן?
מיט פּעם אַרויס אין גאַס אַ צעטראָגענער,
משוגענער מיט אויסרוף־צייכן,
דראַכן מאָלן אויף שילדן אין די הייכן?
פאַרן המון אַנצולויפן און לאַכן?

ווער בין איך, וואָס מיך טראָגט,
פון ערד־בהלה צו אפלה,
ווו קיין מאָל נישט טאָגט? —
אַ מקונן מיט אַן ענן עשן,
צעשרפהט לשון
טו פון מויל אַרויס מרירין.
אַ ווייטיק בלוטיק
אין ספרים קברים
ווערט קויטיק איינגעשימלט.

ווער בין איך אין שטנס געמאַך,
מיט אַזאַ פאַרטונקלטער שפּראַך,
צעשריגן צו הייך,
וואָס ס׳שלאָגט פון איר אַ גהינום־רויך?

איך, עפר ואפר

איך, עפר ואפר־אָדם
בצלם אלוהים, מיט רוח־חיים אויסגעפורעמט,
אַ בשר־ודם אין מאַמעס שוים אויסגעוואַרעמט,
שטיי ביי נאַכט אין וועלט סעלעסטיאַליש צעהעלט
מאַת מילי־מיליאָנען אַסטראָנען.
פאַרטראַכט, אין מעשי־נפלאות, פייער־קרעאַטורן,
בתוך צייט און רוים הימלישע באַווינער, מיליאַסן יאָרן,
ווי פון אַ גורלדיקן געצוווּנג,
אין אַן אוניווערסאַל־אָרביט־שוווּנג.

באַגרייף מיטן שכל כביכול־וווּנדער.
כ׳בין אַליין אַ מופת פון גאָט,
וואָס וועל קריק גערופן ווערן
צום אפס־יסוד זיך אומצוקערן.

כ׳וואָלט ווי די אויגן טראָגן, געפלויגן
גרייכן הימלראַנד,
נישט זיין צוגעבונדן
צום ערד־געטומל,
צו מלחמה־מהומה זיין איינגעהערט.

פאַר וואָס בין איך נישט באַשאַפן געוואָרן מיט פליגל,
צו די אַסטראַלן, אין ווייטן וואָס גליִען,
אַוועקצופליִען?

כל הימים מיט תחינה־יעלות,
האָב שאלות צום בורא עולמים.
מיט פאַרדראָס כ׳פרעג :
פאַר וואָס, ס׳חיות הייליק באַווילִיקט,
אין כל הבריות איינגעזעליקט,
ווערט אויף ערד פאַרטיליקט ?

כ׳בין אויף הבל־תבל מיט יסורים־שטריק
ביז גייסטיק פאַרשוווּנדן,
ווי אַ שרץ צום כדור־האָרץ צוגעבונדן —
נישט אויף כנפי הרוח,
איינגעהימלט ווערן,
זיין מיט שטראַלן־שיין
אַ חלום געטלעכער,
איינגעמישכנט אין כל־עולם.

ווען כ'פֿאַרמאָג געטלעכע גאָב

פֿון די פּאַשאָנאַדן

ווען כ'פֿאַרמאָג געטלעכע גאָב
אַריינמאָלן דיך, אַהבה פֿאַרן אָפּשטאַרב,
מיט להבה־וואָלקן־פֿאַרב,
אין רקיע־אויסשפּרייט, שקיעה־צייט,
בעת בין־השמשותדיקן פֿאַרשיין,
באַזריחהן פּעמינאַלן חן —
ס'זאָל בלייבן דיין ווענוס־געשטאַלט
מיט אָנהייך־רייץ נאָכן אָפּזיין
איינגעבילדלט אין וועלט,
אַ פֿאַרנאַכט־מאָנומענט
אין האָריזאָנט־ראַנד,
פֿון זונזינק־שטראַלן אויפֿגעפֿלאַמט.

פֿאַנטאַ־מאַרי! איך, זקן מיט געבויגענעם רוקן,
דאַרף נישט טרינקען פֿון מעפּיסטאָס כּוס,
שיכּרות־געטראַנק — דיין בליק מאַכט קריק יונג,
ס'תּאווה־פֿײַערל מאַט דער ראיה
דיך האָט אין אייביקייט פֿאַרטרעטירט,
שאַרם נישט פֿאַרלוירן צו גיין,
ווען וועסט בלייבן אַ פֿאַרוועלקטע פֿון חיות.

כ'ווער אינערלעך געטריבן
מיט נשמה־שטראַל צעפֿלאַטערט,
דיך כאָטש אין ביכער האָבן באַשריבן.

כ׳וואָלט גיכער געוואָלט
פאַרן אָפּשטאַרבן, בעת שקיעה,
אַריינמאָלן בתוך רקיע מיט פּייער-וואָלקן-פאַרב,
דיין אויסטערלישן חן,
אין אַ זיו-השכינה תמונה,
פאַנטאַ מאַרי,
ס׳זאָל בלייבן ס׳אורה-געשטאַלט
פאַר די אויגן בתוך וועלט,
מיין פאַנטאַזיע, אָנגעהייצט, רייצט,
האָבן דיך אַסטראַליש אַריינגעהעלט
אין בלאָקייט פון הימלישן אויסשפּרייט
בעת זונפאַרגלי —
פאַנטאַ מאַרי!

צו דיר

פון די פּאַשאַנאַדן

ס'זאָל זיין געדזשונגלט צו דיר דער וועג ,
זומפּיקע אָזיערעס פאַרפּלייצט אָן ברעג,
מיט פעלדזיקן שטיין, תהומיקן גרוב
פאַרלאָזט כ'וואָלט מפולתדיקע שטוב,
טאָרבע אויפן רוקן,
וואַלדשטעקן אין האַנט,
מיט מיילן־שטיוול
שטרויכלונגען אַריבערגעשפּאַנט,
דערגרייכן דיין טיר
בעת וואַרטסט באַהאַרצט
בענקענדיק נאָך מיר.

ווי בוימבלעטער פאַרן רעגן,
מיט ציטער
ווינטלדיק צעשורשט,
טראָפּישע פלאַנץ,
מאַת זוניקן אָפּגלאַנץ,
פאַרשרפעט פון דורשט,
לעכצן נאָך הימלישן טראָפּן
פון וואָלקנדיקער יריעה —
אַזוי באַרוישט
כ'וואָלט גערן אין זיך זאַפּן
דיינע טרערן
מאַת פאַרכמורעטער וויִע.

אַ להבה איז מיין ברי̇ענדיקע תאווה,
צו דער רייצונג אין דיר,
כ׳וואָלט פּרוּוון זעטן,
מיין הונגעריקן גלוסט-לוסט
ווי פֿאַרמאַטערט-צעפּלאַטערטע
האָניק-בין
אין געזשום
צום נעקטאַר פֿון אַ מאַגנעטישער בלום,
מיט אַראָמאַטישע צוקערן
זויפֿנדיק זיך שיכורן.

כ׳באַגער שטח און תהומות,
ווי קראָפּעוועס בלי̇ען,
וויסטע, פּוסטע מקומות,
לבטח אַריבערפֿלי̇ען,
אַוועק פֿון ערד-זדון,
מרומות-טאָרנאַדן,
צו שטילן די פּאַשאָנאַדן,
לעשן אין נשמה-שייערן,
רוחני-פֿייערן וואָס פֿלאַקערן,
בעת שקיעהדיק שימערן, מיט דיר איינשלומערן
אין זיו-השכינה נירוואַנאַ-רו.

פון טויטשרעק אַוועק

חנה מיינע !
לאָמיר פון צעטומלטן יללות-כרך
אין שרעק, אויפן שקיעה רקיע-שליאַך אַוועק,
מיט עגמת-פיין
אויף זונזינק-זייל גיין
צום צעהימלטן האָריזאָנט
אַריין אין חלום-לאַנד,
ווו שלום-טויבן בתוך רוים פליִען,
רויזן און מימאָזן בליִען,
עדן-פייגל אויף בוים-צווייגן קדוש שפּרינגען,
צום האַר של מעלה שירהס זינגען,
זיין ווייט פון מלחמה-בליצן, רויכיקע היצן,
אונטער שכינה-שאָטן זיצן,
קול רינה הערן, רוען און שווייגן.

געטאָן אַליין, ווי אַ נאַר, מיט בטחון אַוויאָנירן
צו אסטראַל-ספירות, וואָס פרירן,
גרייכן הימלען,
ווו מעטעאָר-האָגל פאַלט מאת שטערן וואָס פלעמלען קאַלט,
בתוך קאָסמישע הייכן
שר השמים אַרומזוכן.

בעת צעפינקלטע נעכט,
אין מרומות פאַרבראַכט,
מיט קנאַפּ שכל, סעלעסטיאַל חלומות געשפּונען,
כביכול נישט געפונען.

חנה מיינע!
לאָמירביידע פון צעטומלטן כרך אַוועק,
בתוך ערד־תפיסה נישט פלאָדזשען.
אויפן שקיעה־שליאַך אין זונשטויב בראָדזשען,
צום רקיע־ראַנד פון מערב־האָריזאָנט.
ווייט, אין יענער זייט, ווו רויזן בליִען,
שרפים־פייגל אין זריחה־רוים אַרומפליִען,
אויף בוימצווייגן שפרינגען,
צום האַר של מעלה שירהס זינגען,
מירן פון ווייטן, בתוך געטלעכן גאָרטן
מיט בלומען־בייטן —
אין שכינה־שאָטן
פאַרשלומט איינגעחלומט רוען,
וואַרטן ביז משיח וועט קומען,
מיט זיו־השכינה־שיַין
ברינה אים אַקעגנגיין.

פאַטאַ־מאָרגאַנאַ

בעת קאַיאָר אַ זוניקער טאָגט,
אַרויפגערויכערטע נאַבולאָס
מאַת די טאָרטור-בערג
צעצינדן זיך אין הימלישע כמאַרעס;
פורמען אַ קרעאַטור
פון אַן אָדם-געשטאַלט —
הענט געשטרעקט באהבה
צו פאַרפלאָמטער חוה,
וואָס גייט צוקינד
בתוך רקיע שרפהיש צעהעלט
פאַר דער ראיה פון וועלט.

קינסטלער אין מאָרגן-גארב,
פון וואַלד-צעלט אַרוים,
באַטראַכט,
שמימדיקע פראַכט —
מיט שטראַל-פּענדזל,
געטונקען אין פינקלפאַרב,
איידער די מראה פאַרשווינדט,
פאָרטרעטירט
סעלעסטיאל-דמות
וואָס אויג פאַרפילמירט,
בתוך רושמדיקן מוח
תמימותדיקן הוד-יסוד,
נפלאות פון גאָט:

באַזעלט מיט אַ קדושה־ציטער,
פון טיפער אמונה אַרויסגעקוועלט,
צו בלייבן מאת תפארת תמונה
אַ זכר אין דער וועלט,
צעשכינהטער גולד־ברען,
צעהעלט בראשית־בילד
פאַר קינד און קייט,
פאַר אייביק־דורות־צייט
אָנצוזען.

געהייליקט ליד

זיי געהיט מיר, שאַרפֿע צונג,
נישט דאָס טריפֿה אַרויסצוברענגען.
ס׳שפּאַרט פֿון זעל טיף, דורך קעל,
קלאָג־געזאָג צו פּראים, ברואים,
אי זמר ישורון, אַרויסזינגען.

שרף־שטים!
גיי אויף שטורעמדיק צום עם קשי עורף.
אַ יובל־ימים רוחני־חיות געטאָן דושען,
דמים מיט סלאַוון־שקלאַוון מישן
ס׳אומה־פֿייערל איינצולעשן.
פֿאַרערלטע חברה מאת יעקב שטאַם
רופֿן פֿון טיפֿן, בקדושת־השם,
אין עברית־געשריי:
עם ישראל חי!

ווי אין פֿאַרטריקנטע גראָזן,
איז רוח אלוהים־פֿלאַם
נשמהדיק צעבלאָזן
קעגן אָנגעטשאַדעטער אסימלאַזשע —
רויך און סאַזשע.
ס׳קומט אויף פֿאַרגרימט מיט גאַל,
אָן פּחד,
אַ תחית־המתים־שאַל
מאת אָן תכריך־טליתים,
יחיד און קהל,
פֿון דאַרמאַנטן שלאָף.

וווּנדיק פֿאַרביסן, מיט טרערן שרייען,
פֿון שורש אויסגעריסן ניט צו ווערן,
מאַת פֿאַרגלותטן מצרים זיך באַפֿרייען.

ווייל דער ראיה צו יחזקאלס נבואה:
זען סקעלעטן פֿון סאָוועטן־עפּר,
אָפּגעשטויבט,
מאַת רוח אלוהים אויפֿגעלעבט,
מיט דם אין די אָדערן, פֿאָדערן
פֿריי לאָזן צום אויסגעבענקטן לאַנד,
ביי מערב־וואַנט שופֿר צו בלאָזן.

גיי אויף, מיין ליד,
אין נפֿש־טיפֿעניש אויסגעבריט,
פֿאַר די אַ יובֿל־יאָרן געוואָרן
אַסימילירט, אַטראָפֿירט.
אין נשמה איצט
אַן אומה־פֿייערל
האָט אויפֿגעבליצט
צו עיר הזריחה.

אַ ברכה צום גואל ישראל,
וואָס אַנטפּלעקט אין מיין עת־השקיעה,
עם־אויפֿוואַך
פֿון היבראָנירטן דרימל.

כ׳הויב הענט צום הימל.
אין מיין פֿאַרנאַכט
איז זונליכט מאַת נעפּל אַרויס
און פֿאַר מיר, שוין לאַנג נישט געוויינט,
אין פֿאַרטרערטער ראיה אַריינגעשיינט.

תרעומות פון חנוך

בעת קאַיאָר, ווינטיש צעטשוכעט,
אין אַ פעלדזיקן שפּאַלט
באַהאַלט זיך חנוך
מאת געוויכער צו באַשיצן.
מיט חמת־פאַרדראָס אָנגעשיכורט,
פון מלחמה־מהומה, שטיקרויכן
געהויקערט צו הייכן געשטיגן,
דם־שפיכה רציחה נישט פאַרשוויייגן,
מיט עגמת־פּיין אין שטיין איינקריצן
דאָס סאַטאַניש אָנרייצן
בני אָדמס כליון־רעיון,
צו פאַרפּלייצן אדמה רויט
מיט בלוטיקן טויט.
האָט תרעומות
צו אל־נורא במרומות —
אין פלאָם נידערנדיק
מיט אַ דונערדיקער לא תרצח־תורה
צו פינצטערער ערד
אין יסורים־ים איינגעטערט.

אשמדאים בהלה־ממשלה,
כדור האָרץ־בית־עולם —
מעפּיסטישער חלום,
פאַרערפלט, איינגעאָפלט —
אַ צעפלאַמטער פלוך! —
זאָגט חנוך,

זיצנדיק אין אַ שפּאַלט
פון די פעלדזיקע שפּיצן
אונטערן וואָלקנדאַך,
וווּ ס׳שאַרפן זיך בליצן
מיט דונערדיקן שאַלן
אין די שאול-טאָלן צו פאַלן.

חלומות

חלומות אַמאָליק־הייליקע
ווי קראָען,ביים סוף לעבן גראָען,
דמיונות אין ראָזיקע פאַרבן,
בתוך מוח טונקעלע דורכשוועבן.
פאַנטאַזיע —
אַז אונטערדריקטע,
מאת דלות און פּיין געשטיקטע,
אין אַ געוואַלט־רעוואַלט,
וועלן מיט חצוצרות וועלטס־אוצרות אַרבן —
פאַרנעפּלט איינגעאָבלט,
אַ וויסטעניש אָפּגעשטאָרבן.

קאַיאָריקער טוֹי אַראָפּקאַפּ,
נישט צעפינקלט אויף גראָז,
איז אַ בלוטס־טראָפּ פון כמאַרעס,
אַרויפגעדאַמפטע מאת ריטשקעס רויט —
צעדמטע סטעזשקעס
פון פאַרשאולטן צעגרוילטן טויט.

בשלימה געגלויבט:
ברואים בצלם אלוהים וועלן נביאישן טרוים כאָוועז,
פון חשכה צו זריחה זיך דאָביוועז.
רשעים מיט קין־חטאים,
שקרנים איבער המוניקע נאַראָנים,
שאַלטן און וואַלטן,
אמונה מיר גערויבט.

נאַיִוו געטראַכט:
נישט ווי נעכטן אַ בלוטיק־זעטיקע
וועט זון פאַרגיין —
מיט אַ קאָראָנאַ־שיין,
לבנה־קאַנאַלן באַשטראַלן,
חושכדיקע נאַכט צעלייכטן.

אַמאָליקע פאַנטאַסט־מיראַזשן,
הייליקע, אין אַראָראַ־פאַרבן —
איך שווינדלט דורך אַצינד
אין מיינע שפּעטע חיות־שעהען,
ווי שוואַרצע קראָען, טמא עופות,
ראָבן, מיט טרפות זיך צו דערלאָבן,
צעפליגלט איבער מלחמה־מקומות —
חלומות קויטיקע,
בלוטיקע צעשנאָבלט,
מאת מהומה
אין נשמה איינגעאָבלט.

נישט שפּעט

מעג מען האָבן צע׳יצר־הרע׳ט
פֿאַרעבודה־זרה׳ט געלעבט,
טריפהנע חלומות געוועבט,
במחשבה מלחמות געפּעכט,
מיט להבה קרבנות צום מולך געבראַכט,
עוונות־רעיונות צעזייעט אין ווינטן,
יאָרצייט־לאָמפּן בתוך זומפּן,
פֿאַר שדים געצונדן —
איז מען בשעת שקיעה נאָך נישט פֿאַרפֿאַלן
ראיה צעשטראַלן אין פֿינצטערע אויגן,
אום־בעלעמדיק פֿאַרצויגן.

מעג זיך אויסדוכטן,
מ׳האָט שי עולמות פֿאַרשפּילט,
ריכטן אין תהום צו זינקען,
דעם סם נשמה געשאָנקען,
גיפטיקע פיילן אין שכנים אום־שונאים צו צילן,
טייוולישע דם־התמצית איינצוקילן —
איז אַלץ נאָך דאָ אַ נפש־פּלאַם
בלב איינגעבריט,
פֿון יצר־טוב אָפּגעהיט,
מיט אַ תשובה במחשבה.

מעג מען זיין עגמתדיק
איינגעאָבלט אין אַ ווירבלדיקן עשן,
אימאַזש אויסגעלאָשן

פון דמיונות דערשעפט —
אַזוי לאַנג ס׳איז נאָך דאָ געצאַנק
פון אַ ניצוץ פאַרן קץ,
אַ רוח אלוהים-נפוח,
אין חיות הבריות,
קאָן מען ברגע אחת
מאת חושכדיקן אַרומשיבן,
בתוך שחת זיך אַרויסדאַביוועץ,
אַריין מיט אַ תשוקה בנשיקה,
פון חשכה בתוך זריחה,
אין ליכטלעכן טויט,
געטלעכן סוד —
הימליש דויערן,
ווי די נצחדיקע פייערן.

פּאָרטיפֿאַ טראַכט

פּאָרטיפֿאַ דערשלאָגן, טראַכט:
ווען האָט לבנה,
גאָטס נאַכט־מתנה,
אָן אייגענע ליכטקרוין געטראָגן?
מאַת וואָלקנס געוואַשן,
איצט אויסגעלאָשן —
אין שאָטן פֿון זון,
אַ שקר־גלאַנץ
פֿאַרן ייִד־תם־פֿרום, ירח־צייט,
דיסטאַנץ־ווייט, אין אַ קדוש־טאַנץ
זי מחדש צו זיין?
אַ מאָל אש־להבה בתוך מעשי־המרכבה,
ביים יוצר אַצינד אַ פֿאַראָפּלטער אוצר.
ווּעמען פֿון די צלמי אלוהים־יצירים, דעם פֿאַלשן מרום־חן?
פֿאַר פֿאַעטן צויבערדיקע זריחה,
אַריינצולייכטן אין חושכדיקע שירים,
לפני טרובאַדורן אַ געדיכט
אויף גיטאַר,
לונאַ־צער נישט שפּאָרן
בתוך אַסטראַל צעפּליטערטע נעכט.

אין אַ מפּולת אַריינגעשיינט
צו אַ בלינדער מאַמען
מיט אויסגעוויינטע אויגן,
אירע קינדער —
צעפֿלויגן,

איבער ימים געשוווּמען,
קיין מאָל קריק צו קומען.

פּאַרטיפּאַ, מרה־שחורהדיק דערשלאָגן,
קעגן פּאַלשן שײַן טראַכט:
ווען האָט לבנה אייגענע שטראַלקרוין געטראָגן?
בעתן וואָגלען לאַנגע יאָרן, נישט נאַרן,
אָפּשפּיגלענדיק בתוך נאַכט־חשכה,
זון־זריחה?
ווען איז דער זשאַווער־קבר
אין עבר ביים אל־יוצר
געווען אַ פייערדיקער אוצר,
אַ ברענקנויל אין וועלטאַל?

ווער איז זי?

ווער איז די אַלטע?
וועמענס קרובה צעדולטע?
אין אַ סוויוע־שמאַטע איינגעהילטע,
מיט קאַפּרעוואַטע אויגן,
ווילד צעפלויגן
איבער שטאָט פאַרקוילטע.
העשעט אַ בית־עולם־געוויין,
וואַרפט אַ שטיין,
אין אַקעגנדיקן צלם־גולם,
קללהט חרמות
פאַר די וואַלגערנדיקע שמות
מאת ספרים פאַרשוועכטע,
רייסט קברים,
יללהט אַ פאַרקייכטע צו מרומות
יסורימדיק געמאָן:
אַ נישט־באַגראָבענע צווישן אומלעבנדיקע,
ווו זיך אַהינטאָן?
ביי יוונים? שכנים
אין טירן קלאַפּן?
אומבאַשיצט כליפּען
פאַר די אין בלוט איינגעריכט,
וואָס צינדן ליכט איצט,
אין ניטל־נאַכט?

הערט ווייט קלויסטערגלאָק קלינגען,
אומווערדיקע לייט
צום נוצרי־ייִיז
אין תיפלה־הויז
פּסאַלמס זינגען.

מאַת זינען אַראָפּ, צעוואַקלט,
זי שאָקלט מיטן קאָפּ.
אין אַ צעריסענער סוויווע
בתוך שואה־ערבה
בלאָנקעט אַרום
אין בלינדער נאַכט.
דרויסן זאַווערוכעט,
ווינט וויכערט,
בתוך תוהו־שואה,
פֿאַרצערט,
אָן אַ מצבה אָנגעשפּאַרט,
מיט יללות די הימלען שרעקט:
די צעשאָסענע פֿון טויטשלאָף וועקט.

מדבר־בילד

קאַיאָר,
בעת זון צעפּלעמלט
צעגליט זאַמד
פייערדיק צו ווערן —
סאַהאַראַ־פּוסטיניע צעהעלט —
טרעט בעדווין אַרויס פון לייוונט־געצעלט
צום פרי צעלאַכטן
אבלה־תפילה אָפּצוריכטן.
מדברדיק פאַראומערט,
אויגן פאַרטרערט,
פאַלט צו ערד, יאָמערט.
גאַרט געפינען אַן אַאַזיס־קוואַל,
שטויב אָפּוואַשן,
דורשט לעשן.
אונטער ביימער וואָס בליִען,
אין שאָטן רוען.
פאַר דער האָרב־חיה אַ טרונק,
קילן דעם ברענענדיקן שלונג.

קעמל שלאַבריק, פאַרתמט,
מעלה־גירהט,
הויערנדיק פאַרמרה־שחורהט,
געווענדט צום האָריזאָנטס
מיראַזש־בראַנד.
דור נאָך דור,

זייט הונדערטער יאָר
בתוך סאַהאַראַ־ערבה —
ווען זון, אש־להבה צעהעלט,
טרעטן אַרויס אין וויסטער כף הקלע
וואָגלער פֿון געלט
מיט אבלות־תפילות,
צום צעצונדענעם הימל,
האָבן טענות צו אַללאַ:
הערן מענות מאת ווינטיקן פּייף,
חול־פּריסיקן געשלייף,
שוויפּטשיק טרויערן,
רעש־רויש אין די אויערן.

זען אַ דראָענדיקע כמאַרע,
אָנציִען איבער סאַהאַראַ,
הוראַגאַניש געפּורעמט,
שטורעמדיק צעשאַלט
מיט אומקום־געוואַלט.

אין לייד אויפגעבראַכט

שוין קינדווייז קרענקלעך בלייך,
מיט געוויין אין אַ קעלער אָן שיין,
בתוך לייד אויפגעבראַכט —
ווי קאָן מען חלומען
פון גאָטס קיניגרייך,
פון צעשטראַלטן עדן־גאָרטן
מיט צעבלענדטן שכינה־צוויט,
שעפּן גליק,
ווערן אַנטציקט,
נישט קוקן צום שאָטן קריק,
צום פינצטער מזל,
פון עזאָזל נאָכגעשיקט?

נאָך איצט איז אין שכל
מיט עגמת־שטיכל
מאת עבר־יאָרן
צער־שפּורן איינגעקריצט.

מעגן כביכולס אוצרות שטראַליק בלענדן —
ווי קאָן מען זיך פון יסורים־שטריק אָפּבינדן,
פאַנטאַסט־פליגל אָנציִען,
איבער חשבֿות פליִען
צו עתיד צייט,

ווּ מלאָכים
איבער אוניווערס-שטחים
אַראָריקע הבדלות פלעכטן,
מיט הימלישע זריחה,
ערדישע חשכה
שימערנדיק צעלייכטן?

ווי קאָן איך אַזוינס טראַכטן,
אַז ס׳פינצטערט
און געשפענסטערט
צערויכטער נעכטן
פון שואהיקן שממון?

דמדומים־צייט

דמדומים־צייט, בעת זון שקיעהט,
איז אַן ענן־חלף אין כמאַרענדיקער שרף־האַנט
איבער אַ וואָלקן־אָקס
צו שחיטה געשטרעקט.
וואָס טראַכט אויף לאָנקע,
די קו וואַנקאַ, מיט אומרו צעמרוקעט
צו הימלישער ווייט?

אַ רחמנות צום בוהיי דערוועקט,
בשעת ס׳גיסעכץ,
מאת האַלדזיקע וונדן,
איז בראַנדיק צעצונדן?

איר וויים פּליסעכץ אין אייטער צערינט,
צעשפּיזלט די ציצן,
מאַכט אַנגסטיק שוויצן
קעגן אומרעכט
פון פייערדיקן געשעכט.

אימה־אויגן בליצן אויף אין דער בהמה,
חמה צום מיתה־מעסער
רויט צעגליט.
שנאה אין איר בליק
טוט אַרויפבליצן קעגן פּאַר ערב,
מאת שרף געשאָכטענעם,
זון־באַלאָכטענעם, שור־הבר.

הבל הבלים־חלומות

אַ זכר־קאַניץ צאַנקט,
פלעמלט בתוך געהירן,
בשעת שקיעה־שעהען.
מעשים פאַרטונקלטע אויפצוגליִען.

יאָרן אָפּגעלעבטע, אין יסורים דורכגעשוועבטע.
געבליבן פאַרנעפּלט, איינגעאָבלט,
בתוך מוח פאַרהוילן —
הבל הבלים־חלום.

רוחניותדיקע גרוילן
צעוועקן שרעקן,
ווונדיקע ווייטיקן בלוטיקן.

ס׳טויכן אויף, מאַת צייטן פאַרלוירן,
בילדער, וואָס הויערן, אין זכרון איינגעקריצט,
דמיונדיק צעבליצט.
חזיונות פאַרן שטאַרבן,
איינגעמראהט בתוך שאַרבן.
אַ שממה־אימה פון אַ נעכטן.

בעת שימערדיקע דעמער־שעהען
ווען וואָלקנדלעך אין פלאַמען ציִען אין מערב אַוועק,
קומען אויף אין וויזיע אָפּשטאַרב־טעג,
נישט מיט בלענדפאַרב געמאָלן.

ס׳פּליִען דורך אין זכרון יאָרן פֿאַרשאָלטן,
מענטשלעכע פיגורן, ווי פון אַנדערע וועלטן,
פינצטערע מעת-לעת-טעג, צרותדיק פֿאַרשווענדט,
ביים נר תמיד, בתוך מוח צעברענט.
באַלייכטנדיק געשעענישן אין דמיון דורכגעלעבטע,
מיט יסורים אַוועקגעשוועבטע צו עבר-מקומות,
הבל-הבלים-חלומות.

קאַיאָר־אויפריר

מאתן טומאַן צערויכט,
טויכט אויף אין האָריזאָנט פון אָקעאַן
קאַיאָר־ווּלקאַן,
גלײַך פאַרשיכורט
פלאַקערט אַ שמימדיקע ווונד,
צעפּליסיקט פלאַם
איבערן אויסגוס פון ים.

העכער שחקימדיקן ראַנד צעברענט,
שיינט־אויף אַ וואָלקנריז געצלמט,
בתוך אָנגעכמאַרעט רקיע־פעלד
צעבית־עולמט.

צו זיינע פּיס, ווי אין בלוט פאַרבאָדן,
פאַראַש־להבט,
קניט די מאַדאָנאַ־מאַמע,
ווי אַ נאָנע פרומע
מיט צער געלאָדן,
הענט אַרויפגעווענדט צו מכפּר זיין די זינד.

ס׳שווימט אויף פון ים־תהום
אַ שרפהדיקער באַלאָן
בתוך לאַגון אָפגעשפּיגלט.
אַ מעווע פליגלט
איבערן וואַסערפלאַך,
פאָכעט דורך דעם טייך,
טובלט זיך אין צעשטראַלטער

אַקוואַ־מקווה,
קומט־אויף צעפּלאַמט
מיט אַ פּישל איינגעשנאָבלט,
פֿליט אַוועק,
אַ מאָלצייט האָבן אין יענער זייט ברעג.

אין דער בוכטע,
זעגלשיפֿלעך, געאַנקערט מיט שטריק,
ווינטלדיק צעהוידעט הין און קריק,
מיט בריליאַנט־פֿענצטערלעך,
פֿייערדיק צעברענט,
אין פֿריגלי־אָנבליק,
פֿון אויפֿגעוואַכטן טאָג צעלאָכטן.

שופר בלאָזן

פון ציקל
איציקל בעל מגיה

בתוך שופר תקיעה-בלאָזן ?
זאָל איך, בעל מגיה, פאַרעגמתט מיט צער,
אַרום די שוכני-עפר, פאַרווילדיקט מיט גראָזן,
וועקן געהייליקטע מתים,
געפאַלן אין בלוטיק-קויטיקע טליתים,
פאַר פטירה,
זיין פאַלשער בשורה-שליח,
פון ביאת המשיח ?

בעת ס׳פינצטערט אָן שבת-נאַכט, צינדן הבדלה-ליכט,
כריפּנען מיט מויל המבדיל בין קודש לחול,
דברים לבטלה — ווען שטן איז צעלאַכט ?
ווי אַ חיה-רעה קעגן די שקיעה-פלאַמען מיט גיהנום-עשן,
טו איך אין דער שואה אַ צערנדיק לשון אַרויסברומען.

צרעתדיק געשלאָגן, משוגעתדיק צעטראָגן,
צו רוממיות מיין געשריי:
פאַר וואָס אַשמדאי שר-הנפילים
מושלט איבער תחתיות-גבולים,
שטורעמדיק קערט, בראַנדיקט ערד ?

מלאך-המוות-ראָבן פאַדען אַרום,
אויף טערנע צווייגן, פיקן ווי אויגן טערפקע טרויבן,
מאַת די קשאַקן וויסטיק קראַקען.

ווי אַ שטן־שאָטן טרידזע איך זיך אום
אַ ווילדער, איבער קברות־פעלדער.
בתוך הייליקע מקומות, צווישן פאַרשוועכטע שמות,
אַ פסולע מזוזה געפונען.
טו טראַכטן:
ס'איז כדאי פון שדי אָפּגעשפּרונגענע יוד פאַרריכטן?
וואָס פאַרא שכר וועט נשמה האָבן
ווען גוף וועט ליגן בתוך אדמה־שלאָף
אונטער ווילדגראָזן באַגראָבן?
במקום ביטערע שאלות אַרויסקלאָגן —
שיר המעלות זאָגן,
מיט הייליקן גלויבן תהלימדיק זיך דערהייבן,
אין שמימדיקע הייכן רו זוכן?

מיין שטיף־שטעטל אַ קללה

מיך וואָלט נישט געאַרט, משופּע־שטעטל,
מיט מיין שעלטן האָבן דיך מאת מאפּע פאַרלוירן.
איינגעקוואַרט, פון קעלטן באַפרוירן,
שחת־זאַווערוכעס זאָלן אייביק פאַרזייען
צעפיגלעוועטע שנייען,
פראָסטיקן ווינטער
פאַרגליווערן
אין אַ פאַרחרמטן צווינטער.

וויכערן זאָלן פּעכערס פון צעשטורעמטן ווינט,
גרוילן איינשחורן;
וועלף־וואָיען,
שאַקאַלן־פּגרים־קברים צעראָיען.

מיך וואָלט נישט געאַרט,
אומפאַרצערט האָבן געזען
קודם המיתה,
אין פיבער־ברען,
ערלים־גסיסה,
בשעת באָזשען צום צלם,
פילן מייזיש גריזשען
צרעת ווונד —
פאַר זייער זינד אין דער בהלהדיקער הריסה.

פון טריבן דלות־לעבן איז געבליבן,
ווי אַ צעפלאַטערטע פאָן,

אויף אַ חורבה־שטאַנג אַ טלית,
בלוטיק, קעגן זונפאַרגאַנג,
אַ צעגליטע רויט,
מאת צעפייערטן טויט —
צעדמטער פלאַם
פון כל הקהלשן אומקום.

זאָל אַן איש־תמים,
אינערלעך געטריבן,
האָבן די תוכחה אין דברי־הימים פאַרשריבן.

כ׳שפּאַן ביי נאַכט

כ׳שפּאַן ביי נאַכט ביים אָקעאַן־ברעג,
ס׳בויערט זיך בליק ווייט אַוועק
אין אַ שווימענדיקן ליכט:
אַ זינק־פונק פון אַ שטערן
אַראָפּגעהימלט?
רויטלעך צעפלעמלט,
מאת לבנה באַוואַכט,
בסכנה דערטרינקען צו ווערן?

כ׳פיל זיך איינזאַם,
ווי ס׳פייערל אויפן ים,
צעהוידעט,
מיט אַן אַסטראַל־שטראַל,
בראשיתדיק איינגעסודעט.

אַן אימה כאַפּט מיך אַרום,
פּאַרציטערט, בתוך שפּעטער שעה,
צום רוישנדיקן אומרו:
רוח־אלוהים צעוויטערט
איבערן אַקוואַטישן תהום.

מאת גאָטס באַשאַף געטראָפן טיף,
כ׳פיל עלנט אַ צאַנקענדיקער,
ווי דער בלאָנקענדיקער מעטעאָר
טיקט זיך און בליצלט־אויף אין ים.
כ׳שפּאַן ביים אָקעאַן־ברעג

מיט אַ געהיימער שרעק
פֿאַרטיפֿט אין אַ טרוים.
הער ס'שטורמיק רוישן.
כוואַליעס, זאַמד־זוים וואַשן.
מעשי נורא.
געהיימע מהומה.
עבֿודת הבורא.

חמץ פאַרברענט

בעזעמט צונויף מאת שפיכות-דם
ס'רשעות-סדום,
פרומקייט פון רוים
רציחה צעברענט,
קין-זינד, בעת זונזינק-זריחה,
בלוטיקער לוח פאַרן נוצרי-משיח.
צינדט אָן אויף ערד דאָס מיסט
מאת כּעס און האַס פאַרשיכורט,
זעט, ווי דאָס פלאַקערט
צעוויכערט פון ווינט
בתוך רויך פאַרשחורט —
אויפגאַנג-קרבן
מיט אַ ריח-ניחוח,
צום שד-גאָט אַ זעם-פלאַם, שמוץ-חמץ,
מאת כדור-האָרץ פאַרדאָרבן צו אָרבן.

האָרכט: אַ וואָראָנע קראַקעט.
דער גלח, העגט צעשפּרייט,
וועגן כּריסטאָס צום עולם-גולם באַלאַקעט
ביבלישע שלום-רייד.

נאַכט חשכותט,
דמיונות צעמשחיתט,
אַשמדאַי פאַרזייט אין נשמה,
נקמה אויפצוגליִען,
אין וועלט איינצובריִען,
אַ וויגעשריי.

טעג לאַנג אַוועק

ס׳שפּינט זיך אַצינד, פאַר מיין קץ, בתוך מוח אַ געדאַנק,
ווי נאָך אַ שיכרות-געטראַנק,
בעת כ׳זיץ אויף קלאָץ, אַ תּם-פרום, ביים ים,
טפּשותדיק טראַכט:
ס׳וואָלט גוט געווען
ווען פאַרלאָפענער זמן קערט זיך אום
פון איינגעעברטן וועג,
ברענגט מיר, מרה-שחורהדיק איינגעקרענקט,
לאַנג פאַרשוווּנדענע שטראַליקע טעג
בעת אומעטיק-דעמערדיקן פאַרנאַכט.

אַוועק ווייטע צייט,
ווען כ׳בין אין פאַנטאַסט-טרוימען
איבער שטורעמדיקע שטראָמען,
צום זוניקן עתיד געשווומען
אין עולם-תחתיות פאַרבלענדט,
חיות פאַרשווענדט.

כ׳בין מודה מתוודה אַ זינד:
געלאָזט יונג לעבן,
ווי רויך אויפן ווינט,
בתוך מחשבה-ערבה פאַרשוועבן.

בשעת שקיעה, מיט רעיונות צעפלויגענע,
כ׳זיץ ביים ים, צעהוידעט,
אין רגשנותדיקע דמיונות איינגעסודעט.
גאַלגאַניש צעלאַכט, כ׳טראַכט:

פאַרשוווּנדענע יאָרן
וואָלטן איצט אָנגעלייגט געוואָרן.

אַ שפּאַן אַוועק,
תהום אַריבערשווים מיט שרעק,
צו יענער זייט, ווייט,
פאַרנעפּלט צעהבלט
אין טויט פאַרדרעמלט,
איינגעשימלט.

איך, שוטה, בין השמשות קלער :
באַגער צייט זאָל מאַת עבר פאַרגאַנגען,
קריק ברענגען,
בליִענדיק רויטע, בלימלדיקע וויזיעס,
בעת כ׳בין פינצטערדיק פאַרגרימט,
אָן שכל, מיט ביטערן שמייכל איינגעקרימט.

נישט דורך שוואַרצע ברילן

נישט דורך שוואַרצע ברילן אין דער ערבה סביבה
קאָן מען אין מיר דעשיפּרירן
מרה־שחורהדיקע געפילן.
מאַת די אויגן פינצטערדיק פאַרצויגן
אָן מאָס צער טונקלט אַרויס.

קאָשמאַרישע חלומות טויכן אויף מאַת קברת־עולמות.
לאַנג פאַרשווינדן,
מוח צעצינדן
מיט שממה־אימה־שרעק.

מחשבות אָבלדיק אויפבליצן,
כאָטש אין אַ טרויער־ווינקל,
אויף פּיסן־בענקל,
שבעה זיך זעצן,
עגמתדיק צעטראָגן מעבר יבוק זאָגן,
מיט דיבורים האַרץ צעבלוטיקן,
יסורים זעטיקן,
יאָמערן צעברויזט,
פּויסט פאַרקלאַמערן.

מ׳דאַרף נישט בעת שקיעה איינאָפּלן מיין ראיה,
צו זען שאָטן נעגאַטיוו
פון זעל און גוף הינטער זיך,
אַ רוח־שכן איבער מיר וואַכן.
נישט מיט שפּאַקטיוו איז אַריינצוקוקן

אין סאַמע נשמה־טיף,
דערשנאַפּן דורך געשליפן גלאָז,
ווי פּאַרקויטיקט צעווויסטיקט זי איז.

נישטאָ אַזאַ פאָטאָגראַף־געשטעל,
אָפּצובילדלען די רוחניות פון זעל,
ס׳קלעמענדיקע פּיינען, ביטערנישן אַרויסצוווייגען,
און עולם־התוהו־שואָה איינגעאָבלט.

שווער ביטער לעבן פינצטערדיק פאַרוועבן,
אַריין אין דער מיתה־גסיסה
אָן ווייגעשריי,
אַליין אין אימה אַוועקוויבּרירן,
און לאָזן גוף
צלם אלהים,
בתוך אדמה־אומקום פאַרפרירן.

סוף־טעג אָנכאַפּן

כ׳זאָל קאָנען פאַריאָגן
מרה־שחורהדיקע שרעק
בעת גסיסהדיק סאָפּען,
סוף־טעג אָנכאַפּן,
אַוועק זיך נישט צו טראָגן
אין גיהנום־פלאַמען אומצוקומען.

אָפּל־ערפל פון ראיה פאַרטרייבן,
שירים־ספרים זעצן זיך שרייבן.
אור־אָבות־מחשבות,
מאת זמירות אַרויסבליצן.

כ׳וואָלט וועלן אַליין,
אין יסורים קראַמפּן,
איינגעשרומפּן, פון מפולת־הויז אַרויס,
מיט בטחון משיחן אויף בין־השמשות־וועגן
אַקעגנגיין,
ווו שקיעת־החמה־שטראַלן
אויף שממה־סטעזשקעס פאַלן.

פון זיו השכינה, בגילופין,
הערן תחית המתים בקול שופר רופן,
זען, ווי פאַלש ס׳איז געווען,
ס׳שעדלעכע ראָטן,
פון קטרוג־שטן:
איינזינקען אין זינד,

טאַפּן חושך בלינד
פאַרן וויסטן אַוועק,
געמררהט, אײַנגעצרהט,
צעפּלאַטערט, אויפגעציטערט,

מיט מרה-שחורה-מורא זיך באַלאַסטן.
כ׳זאָל קאָנען
אין הריסה-גסיסה-גרוילן,
מיט אַסמאַטיש סאָפּען,
ציטערדיק
בעת נשמה-אימה,
שקיעת-החמה-שטראַלן אָנכאַפּן,
נישט צו פאַלן
איידער ס׳לעשט זיך
ס׳זינקענדיקע ליכט
בתוך איינטונקלעניש פון נאַכט.

איך, עפר ואפר,
וואָלט וועלן ס׳געדויערן
פון טעג פאַרשפּאַרן,
נישט איילן אַוועק
מאַת חיִות-ברעג פאַרלוירן צו ווערן.
הערן קול-שופר
פון אייביק שלאָפן
מתים אויפרופן.
פאַרמיידן ליידן
טויטלעכע שרעק.